YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv02i03

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 2 Issue 3
January 1920

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 2, Iss. 3)

Keywords
International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/14

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו).
אָן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט פאַרלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט".
וואודראָ ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. II No. 3. New York, Friday, Jan. 16, 1920. פרייטאָג, דעם 16-טען יאַנואַר. PRICE 3 CENTS

פערטעל-יעהרליכער מיטינג פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאַנאַל

לעצטען מיטוואָך זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די וואָרט-פיהרער פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן אין באָסטאָן פאַר זייער פערטעל-יעהרליכען מיטינג, אויף וועלכען, ווי עס פיהרט זיך, עס ווערט „גענומען סטאָק" פון אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען אין דעם משך פון די לעצטע דריי מאָנאַטען, און אויך ווערען געמאַכט פּלענער און עס ווערען אָנגענומען באַשליסע פאַר די ווייטערע אַרבייט.

די דאָזיגע מיטינגען זיינען אימער העכסט-וויכטיגע, ווייל אונזער אָרגאַניזאַציע איז ניט פון די „טויטע", ביי וועלכע אַלעס ווידערהאָלט זיך. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך נייע פּראָבלעמען, וועלכע דאַרפען געלייזט ווערען, און געווערען פריהער אָדער שפּעטער געלייזט.

צו דער היינטיגער פערטעל-יעהרליכער זיצונג וועט פעהלען איינער, וועמעס וואָרט איז אימער געווען פון גרויסער וויכטיגקייט אין די דאָזיגע באַראַטונגען. מיר מיינען ב. שלעזינגער, וועלכער איז איצט אין אייראָפּא. אָבער דאָס וועט דאָך ניט מאַכען קיין גרויסען אונטערשיעד, ווייל אַלע אונזערע איבעריגע וואָרט-פיהרער זיינען אַליין שוין וועטעראַנען אין דער אַרבייטער-באַוועגונג, און זיי קענען זייער שטעדטעל באַשטעהן, ווען עס איז נאָר נויטיג.

דער פאַקט איז, דאָס גראָדע אין דער לעצטער צייט האָט אונזער אינטערנעשאַנאַל אויפצואווייזען אַ גלענצענדען רעקאָרד פון אויפטואונגען, און וועלכע זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען פון אַלע אונזערע וויים-פּרעזידענטען אין זייערע פאַרשיעדענע שטעדט.

עס איז ניט צו האָפען, אַז די דעלעגאַטען פון ניו יאָרק זאָלען קענען שוין קומען מיט אַ באַריכט פון דער ענטשיידונג אין דעם קלאָוקמאַכער-סכסוך אין ניו יאָרק. אָבער דאָס אַליין, וואָס זיי האָבען געצוואונגען די מאַנופעקטשורער צו פאַרהאַנדלען מיט זיי, פון וואָס זיי האָבען זיך מיט אַזאַ שטאָלץ ענטזאָגט, דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער אויפטו, פאַר וועלכען עס קומט פולער קרעדיט דעם גאַנצען דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק.

ווי ביז איצט, וועט אויך דאָס מאָל דער שרייבער פון די ציילען זיין מיט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, און ער וועט געוויס ניט פאַרפעהלען צו באַריכטען איבער דאָס סאַמע וויכטיגסטע און נויטיגסטע.

גאָווערנאָר-קאָמיסיע אין דעם קלאָוקמאַכער-סכסוך נאָך אַלץ ביזי

עס איז שוין אַ וואָך, ווי די אַרביטריישאָן-קאָמיטע, באַשטעהט פון גאָווערנאָר סמיטה אין דעם קלאָוקמאַכער-סכסוך, איז ביי דער אַרבייט, אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז פון אַן ענטשיידונג נאָך גאַנץ ווייטלאָך.

וואָס איז די אמת'ע אורזאַכע פון דעם, וואָס די זאַך נעהמט צו אַזוי שווער? עס איז דאָך נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי אַ גאַנץ איינפאַכע פאָדערונג פון העכערע וויידזשעס. טו וואָרום זאָל מען אויף דער ענטשיידונג דאַרפען אַזויפיעל האָרעווען?

נאַטירליך איז די גאָווערנאָר-קאָמיטע גאַנץ אונשולדיג אין דעם. זי האָט ניט דעם מינדעסטען אינטערעס וואָס קענגער צו פאַרשלעפּען איהר ענטשיידונג. די בעלי מלאכות און זייערע פאַרשטעהער אודאי ניט. זיי האַלטען אין איין פּראָטעסטירען, וואָרום מען קומט ניט וואָס גיכער צום פּסוק. די איינציגע שולדיגע אין דער פאַרשלעפּונג זיינען די קלאָוק-מאַנופעקטשורערס.

צוערשט זיינען זיי געקומען מיט דער טענה, אַז זיי זיינען ניט פאַרבערייטעט פאַר דעם פאַרהער. און זייער לאָיער האָט פאַרלאַנגט פון דער קאָמיטע, אַז זי זאָל אָפּלעגען איהר פאַרהער אויף נאָך אַ שטיקעל צייט. נעגען דעם האָבען זיעגמאַן, פיינבערג און לאַנדאָן, אין דעם נאָמען פון דער יוניאָן פּראָטעסטירט, און די קאָמיטע איז געווען פעסטשטענדיג איינפאַרשטאַנען מיט די אַרבייטער. אויף די טענה פון די באָסעס, אַז זיי ווילען, אַז די קאָמיטע זאָל גרינדליך פאַרשטעהן די גאַנצע קלאָוק-סיטואַציע, האָט איינער פון דער קאָמיטע, מיס פּוירקינס, זעהר ריכטיג געענטפערט, אַז פאַר דעם דאַרפען זיך די באָסעס ניט זאָרגען. די לאַגע אין דער קלאָוק-אינדוסטריע ווערט שוין זייט אַ שעהנע עטליכע יאָהר גאַנץ עפענטליך דיסקוטירט, און די עפענטליכע מיינונג איז גאַנץ גוט באַקאַנט מיט איהר.

די קלאָוק-מאַנופעקטשורערס האָבען זיך אויף אַ ווײַלע אונטערגעגעבען, זעהענדיג, אַז זיי קענען זיך נאָר בלאַמירען דורך זייער ווייטערע עקשנות.

באַלד אָבער אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען זיי געפונען אַנאַנדער פּריטשעפּקע, וואָרום דער פאַרהער זאָל אָפּגעבראָכען ווערען. ניט אַלע אַרבייטער האָבען זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט צו דער אַרבייט, און אַזוי ווי לויט דער ענטשיידונג פון גאָווערנאָר סמיטה, מיט וואָס די יוניאָן-פיהרער האָבען זיך ערקלעהרט איינפאַרשטאַנען, האָבען אַלע אַרבייטער, וואָס זיינען אַרויס אין סטרייק, באַדאַרפט אין דעם משך פון 24 שטונדען זיין צוריק ביי דער אַרבייט, פאָלגליך איז דער אָפּמאַך ניט געהאַלטען געוואָרען, און דער פאַרהער פאַר דער קאָמיטע דאַרף ניט פאָרקומען.

זיעגמאַן, אַלס דער וואָרט-פיהרער פון דער יוניאָן, האָט אויפ'ן שטעל ערקלעהרט, אַז 90 פּראָצענט פון די, וואָס האָבען געוואָרפען די אַרבייט, זיינען אויף דעם פאַרלאַנג פון דער יוניאָן צוריקגעגאַנגען. וואָס אַנבאַטרעפט די איבעריגע צעהן פּראָצענט, וועלען זיי אויך וואָהרשיינליך באַלד געהן צו דער אַרבייט. מענשען זיינען דאָך ניט קיין בלייענע סאָלדאַטען, מיט וועלכע מען קען קירעווען, ווי מען וויל; זיי האָבען נשמות, הערצער, געפיהלען, וועלכע קענען ניט מיט איינמאָל באַהערשט ווערען...

די קאָמיטע האָט זיך ערקלעהרט איינפאַרשטאַנען מיט דער ערקלעהרונג, און עס איז צו גאָרניט געוואָרען דער צווייטער אויסרייד פון די קלאָוק-מאַנופעקטשורער זיך אַרויסצודרעהען פון אַ פאַרהער און אַן ענטשיידונג.

דאַן האָבען זיי געפונען אַן אַנדער אויסרייד. לאַנדאָן אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען, האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אפילו לויט דעם אַגרימענט מעג אַן אַרבייטער, אויב ער קען ניט מושוה ווערען מיט'ן באָס וועגען דעם פּרייז, פאַרלאָזען דעם פּלאַץ. און ער האָט אַרגומענטירט: אויב דאָס מעג טאָן איין אַרבייטער, מעגען עס טאָן צוויי, דריי, הונדערט און אַזוי ווייטער.

אַ געוויסער קלאָוק-מאַנופעקטשורער, ראַפּאָפּאָרט, האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן דעם ווי אַן עפּעס רעטעס. וויבאַלד אַזוי, האָט ער געשריען מיט באַנומענע קולות, ערקלעהרט דאָך דער לאָיער פון דער יוניאָן דעם גאַנצען אַגרימענט פאַר אַ „סקראַפּ אָוו פּייפּער", טו וואָס טוען מיר דאָ? וואָס טויג אונז דאָס פאַרהאַנדלען מיט מענשען, וועלכע אַנערקענען ניט קיין אַגרימענט? און ער האָט אויפגעפאָדערט זיינע ברידער מאַנופעקטשורער צו פאַרלאָזען די זיצונג. דאָ אָבער האָט שוין די קאָמיטע אַליין געמאַכט אַ גראָבען שטריך איבער זייער גאַנצען חשבון. די האָט זיי ערקלעהרט גאַנץ אָפענהערציג, אַז זייער אַוועקגעהן וועט ניט מאַכען די מינדעסטע ענדערונג. די קאָמיטע וועט טאָן איהר אַרבייט און אַרויסטראָגען אַן ענטשיידונג, וועלכע זיי האָבען זיך פאַרפליכטעט צו פאָלגען.

דאָס איז געווען דער לעצטער שאָס פון דער זייט פון די קלאָוק-מאַנופעקטשורערס צו מאַכען צו גאָרניט די אַרבייט פון דער קאָמיטע, און מיט די אַלע פּראָטעסטען זייערע האָבען זיי נאָר ער-

אינהאַלט-פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 3

זייט 2. די וואָך — נ. שאַווירא.
זייט 3. דער וואוקס פון דער עקזאַמינערס, באַגראַדערס און בושלערס יוניאָן, לאָקאַל 82 — מ. י. אַשפּיז. אַ בריעף פון לאָס אַנדזשעלעס — סאָול זיידמאַן.
זייט 4. ברוידעראַך פון פילאַדעלפיא — א. קראַפּעוועץ. די לעצטע פּאַסירונגען אין דער שילדרעס דרעסמאַכער יוניאָן, לאָק. 50 — ה. גרינבערג.
זייט 5. דער צוזאַמענשטויס פון קרעפטען אין דער אַמעריקאַן פעדערייששאַן אָוו לייבאָר — ה. לאַנג. מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן — ל. לאַנגער.
זייט 6. די רעאַקציע און די נאַציאָנאַלע וואַהלען — נ. בוכוואַלד. מען צאָהלט! (פעליעטאָן) — דער לעבעדיגער.
זייט 7. אַ געיעג נאָך ליעבע (ראָמאַן) — פּאַלינא וואַלמי. דער עקזעקוטיוו באָארד מיטינג פון לאָקאַל 25 — י. שענהאָלץ.
זייט 8. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ ביכעל.
זייט 9. די נייע סטראַטעגיקע פון דער אַרבייטערשאַפט — דזשוליעט סטואַרט פּוינטץ. ליעדער — מ. פערעלמוטער.
זייט 10. אין דער טעאַטער וועלט — דער קריטיקער. אָט איבער וואָס! — מ. שמואלזאָהן.
זייט 11. אין אַ קלאָוק פעקטאָרי אין אַמסטערדאַם — ב. שלעזינגער.
זייט 12. קורצע שמועסען
זייטען 13, 14 און 15 — אַדווערטייזמענטס.
זייט 16. אינטערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט — פאַניאַ מ. קאָהן. אינטערנעשאַנאַל אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אין באַלטימאָר — אַ סטעפ [illegible].

וויסטמאַכער יוניאָן רופט די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן צו אַ קאָנפערענץ

די וויסט און דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 25, האָט אַרויסגעשיקט בריעף צו די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָנס אין דער אינדוסטריע, זיי איינלאַדענדיג צו קומען צו אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכען עס דאַרף אויפגענומען ווערען איינינגע פראַגען.

די הויפּט פראַגע אויף די קאָנפערענץ וועט זיין, נאַטירליך, אַ העכערונג אין די שכירות פאַר אַלע אַרבייטער אין דער אינדוסטריע, אום נאָכצוקומען דעם גרויסען יקרות אויף אַלע נויטיגע לעבענס-מיטעל. די וויסט און דרעסמאַכער מוזען צאָהלען פאַר די אַרטיקלען, וואָס זיי קויפען, דעמזעלבען פּרייז וואָס אַלע צאָהלען און פאָלגליך זיינען זיי באַרעכטיגט אַז זייערע שכירות זאָלען זיך העכערען, פּונקט אַזוי גוט ווי עס העכערען זיך די שכירות פון די אַרבייטער אין די אַנדערע אינדוסטריען.

דיעזע וואָך ווערט ערוואַרטעט דער ענטפער פון די אַסאָסיאיישאָנס. עס איז צו האָפען דאָס די מאַנופעקטשורער אין דער אינדוסטריע וועלען פאַרשטעהן דעם גייסט פון דער צייט, וועלען איינזעהן ווי גערעכט עס איז דער יוניאָנ'ס פאַרלאַנג פאַר די אַרבייטער און וועלען ניט מאַכען קיין שוועריגקייטען ביי דעם צוזאַמענקונפט.

סכסוך אין דער קלאָוק-אינדוסטריע אין באָסטאָן געסעטעלט

געהענדיג צום פּרעס מיט דעם נומער „גערעכטיגקייט", האָבען מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע פון סעקרעטער באַראָף, וועלכער איז די לעצטע פּאַר טעג געווען אין באָסטאָן, דאָס דער סכסוך צווישען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און די מאַנופעקטשורער איז געסעטעלט געוואָרען מיט אַ זיעג פאַר די אַרבייטער.

די אַרבייטער באַקומען אַ העכערונג אין שכירות פון 10 ביז 20 פּראָצענט איבער דעם איצטיגען מינימום סקייל, און זיי האָבען אויך באַקומען אַ גאַראַנטיע פאַר אַ באַשטימטער צייט אַרבייט.

די קאָנפערענצען צווישען דער יוניאָן און די באָס'ן איז אָנגעגאַנגען זייט איינינגע וואָכען און אין פאַרלויף פון דער צייט איז סעקרעטער באַראָף איינינגע מאָל געווען אין באָסטאָן און האָט זיך באַטייליגט אין די פאַרהאַנדלונגען; און ער איז אויך געווען דאָרט ווען דער סעטלמענט איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען פון ביידע צדדים.

פּרעזידענט שלעזינגער אָפּגעפאָהרען פון פּאַריז נאָך פּוילען

דיעזע נייעס האָט צוגעשיקט דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „פּאָרווערטס", מר. גלאַזער. די טעלעגראַמע לעזט זיך ווי פאָלגט:

פּאַריז, יאַנואַר, 6. בענדזשעמין שלעזינגער איז היינט אָפּגעפאָהרען פון פּאַריז נאָך וואַרשא, ווילנא און קאָוונא.

ער האָט דאָ געקראָגען זעהר אַ פיינעם קבלת-פּנים פון דער פראַנצויזישער שניידער יוניאָן און פון פילע אַנדערע. ער האָט אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג פון אידישע אַרבייטער און אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באָארד פון דער שניידער יוניאָן. ער האָט אויך באַזוכט די גרעסטע שעפּער, וואָס גיבען אַרויס אַלע נייע מאָדעס פאַר דער וועלט.

אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

פון פאניא מ. קאהן.

פון גרויס וויכטיגקייט זיינען די ספע-
ציעלע קלאסען, וואס זיינען ארגאניזירט
געווארען אין אונזער ארבייטער אוניווער-
זיטעט פאר די ביזנעס אייזשענטס, מע-
נעדזשערס, סעקרעטערע און אנדערע אפי-
סערס פון דער יוניאן, וואו זיי פארזאמ-
לען זיך 3 מאל א וואך, און פארברייננגען
שטונדען אין שטודירען און דיסקוטירען
איבער פראגען, וואס דארף זיי אינטערע-
סירען אלס פיהרער פון טרייד-יוניאנס.

קיינער וועט ניט לייקענען, אז מיר
אליין דארפען זיך אימער לערנען, אויב
מיר אליין ווילען נאכקומען דעם גייסט
פון אונזער צייט.

מיר האבען אויך געפוהלט אז ס'איז
דא א גרויסע בעדערפניש צו האבען א
ספעציעלען קלאס פאר סעקרעטערס, און
אויך קענען דיעזע קלאסען זיין ניצליך
פאר די וואס זיינען מיטגליעדער פון
פינאנץ קאמיטעס. די מיטגליעדער פון די
עקזעקוטיוו באארדס פון אונזערע
צאהלרייכע יוניאנס, זיילען פיעלע מאל
ווירקליכע קרבנות, ווייל דורך דעם וואס
זיי זיינען טעטיג אין דער יוניאן, ווערען
זיי בארויבט פון דער געלעגענהייט צו גע-
ניסען די בילדונג אין אונזערע יוניטי
סענטערס אדער אין אונזער אוניווערזי-
טעט, און דער רעזולטאט איז דאס פיעלע
פון זיי ענטזאגען זיך אנצונעהמען אן
אמט אלס עקזעקוטיוו מעמבער, אויף דעם
גרונד וואס זיי וועלען ניט האבען די
געלעגענהייט מיט די אנדערע מעמבערס
זיך צו לערנען. אונזער עדיוקיישאנאל
קאמיטעט האט איינגעזעהן די גערעכטע
קלאגען פון אזעלכע מעמבערס, און אום
צו געבען א געלעגענהייט דיעזע מיט-
גליעדער אונזערע זיך צו לערנען ווערענד
זיי זענען אויך טהעטיג אין די יוניאנס,
האבען מיר באשלאסען צו ארגאניזירען
ספעציעלע קלאסען פאר עקזעקוטיוו
מעמבערס, אויף זונטאג, ווייל דאס איז
די איינציגע צייט וואס זיי קענען אפ-
שפארען פאר זייער גייסטיגער ענטוויק-
לונג.

אונזער גרעסטער וואונש איז, אז
דער רעזולטאט פון דיעזע בילדונגס
טהעטיגקייטען זאל ענטוויקלען ביי אונ-
זערע מעמבערס א געפיהל פון אייניג-
קייט, א פארלאנג פון בילדונג, קא-אפע-
ראציע און ארגאניזאציע.

אלס בירגער פון דעם לאנד און אלס
ארבייטער איבערהויפט זיינען מיר זעהר
פאראינטערעסירט אין די עקאנאמיקס
פון דעם אינדוסטריעלען סיסטעם, אין
אלע זיינע פארמען. אין אונזער אינטער-
נעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט
ווערט איצט נעגעבען א ספעציעלער קורס
וועגען דעם, פון פראפ. לעאן ארדזרוני,
פון דער „סקול אוו סאשיאל רעסוירטש".
די לעקשורס זיינען זעהר אינטערע-
סאנט און באלעהרענד. זיי ווערען נעגע-
בען יעדען שבת נאכמיטאג, 3.30, אין
דער וואשינגטאן אירווינג היי-סקול,
אירווינג פליים און 16טע סטריט.

א ווארט וועגען אונזערע קאנצערטען.

מאנכע פרעגען אונז, ווארום מיר
האבען צוזאמענגעמישט די בילדונגס
טהעטיגקייט מיט מוזיק. דער אמת איז,
אז צו לערנען פארשטעהן גוטע מוזיק איז
אן-און-פאר-זיך אליין א בילדונג. א חוץ
דעם, מענשען וועלכע לערנען זיך צו
פארשטעהן און צו אבצושאצען גוטע מו-
זיק ווערען בכלל בעסערע, עדלערע
מענשען. זייער גייסטיגער צושטאנד
ווערט בעסער ענטוויקעלט, זיי באקומען
ברייטערע, רייכערע נשמות און זיי בא-
קומען אויך א נייגונג צו לערנען וויסענ-
שאפט און פילאזאפיע. קורץ, אונזערע
קאנצערטען העלפען ארויסרופען דעם
פארלאנג צווישען אונזערע מיטגליעדער
צו וועלען לערנען און אונזערע בילדונגס
קורסען העלפען באשאפען ביים עולם א
פארלאנג צו הערען גוטע מוזיק. איינס
ווירקט אויף דאס אנדערע און מיר זיי-
נען דאריבער טהעטיג אויף ביידע גע-
ביטען.

* * *

אין יעדען יוניטי סענטער ווערט גע-
געבען א קורס אין „עקאנאמיקס און די
ארבייטער באוועגונג". אין דעם קורס
ווערט צוגליעדערט דער גאנצער אינדו-
סטריעלער סיסטעם און מען קען זעהר
פיעל לערנען. אין צוזאמענהאנג מיט דעם
[illegible]
ענטוויקלונג פון דער ארבייטער באווע-
גונג און דעם בענעפיט וואס די ארביי-
טער האבען דערפון. עס ווערען אויך אב-
געהאלטען דיסקוסיאנען וועגען די אר-
בייטער פראבלעמען פון דער איצטיגער
צייט.

אין די סענטערס ווערט אויך געגע-
בען א קורס אין ליטעראטור. כמעט ביי
יעדען לעקטשור ווערט דיסקוטירט דער
סאציאלער כאראקטער פון די מאדערנע
דראמען און דאס איז אונגעהויער אינ-
טערעסאנט און באלעהרענד.

ניט פון קיין קלענערער וויכטיגקייט
זיינען אויך די לעקטשורס וואס ווערען
געגעבען איבער פראגען פון געזונד. די
לעקטשורערס זיינען פראמינענטע דאק-
טוירים און די צוהערער וועלען פון די
לעקטשורס גרויס נוצען האבען. זיי ווע-
לען בעסער באקאנט ווערען מיט די
פונקציאנען פון די אברים אין קערפער
און דאס גיט א באגריף ווי צו פארהיטען
און פארמיידען קראנקהייטען.

אויך די גימנאסטיק אין די סענטערס
זיינען געזונד פאר'ן קערפער, א חוץ דעם
וואס דאס איז גאנץ אמוזאנט. די קער-
פערליכע איבונגען און די פארשיעדענע
טענץ ענטוויקלען און מאכען גראציעז
דעם קערפער.

און אויסער דעם אלעם, זיינען דא
אין די סענטערס קלאסען אין ענגליש,
אין די פארשיעדענע גראדען, וואו יעדער
אינטערנעשאנאל מיטגליעדער קען לערנען
פריי די שפראך פון לאנד, לעזען און
שרייבען, און אויך רעדען ריכטיג ענג-
ליש.

רעדזשיסטרירט זיך אין דעם נאַ-
הענטסטען סענטער פון אייער וואוינונג
און גענייסט פריי די בילדונג, וואס
אייער יוניאן גיט אייך. איהר קענט זיך
רעדזשיסטרירען אין די יוניטי סענטערס,
אדער אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן.

* * *

לעקטשורס ביי די לאקאל מיטינגען

דר. האפמאן (ב. צביון), וועט לעקטשו-
רען פאר די מיטגליעדער פון לאקאל 9,
פרייטאג אווענד, דעם 9טען יאנואר,
אין 208 איסט בראדוויי.

פרייטאג אווענד, דעם 16טען יאנו-
אר, וועלען די קלאוק-פינישער פון לאקאל
9 האבען א לעקטשור אין 1666 מעדיסאן
עוועניו. מר. א. זעלענקא וועט לעקטשו-
רען איבער דער קאאפעראטיווער באווע-
גונג.

לאקאל 21, די קלאוקמאכער יוניאן
פון נוארק, ניו דזשוירזי, וועט האבען א
לעקטשור דיענסטאג אווענד, 27טען יא-
נואר. מר. שער וועט לעקטשורען איבער
די „ארבייטערשאפט און אינדזשאנק-
שאנס".

* * *

בולעטין פאר די יוניטי סענטערס פאר
דער וואך פון'ם 12טען יאנואר.

איסט סייד יוניטי
סענטער, פאבליק סקול 63, 4טע סט.
לעבען 1טע עוו.

מאנטאג אבענד, דעם 12טען יאנואר,
צווייטע לעקטשור פון ארטור אלברעכט,
איבער „די ארבייטער באוועגונג און טרייד
יוניאניזם".

דאנערשטאג אבענד, דעם 15טען יא-
נואר, לעקטשור פון מיס עלען א. קענאן,
איבער „ליטעראטור".

דינסטאג אבענד, גימנאסטיקס און
טענץ אונטער דער אויפזיכט פון מיסס
איווא קאהן.

* * *

בראנקס יוניטי סענ-
טער, פאבליק סקול 54, אינטערוויל
עוו., און פרימאן סט.

דינסטאג אבענד, דעם 13טען יאנואר,
צווייטע לעקטשור פון דזשאדזש סאול,
איבער „טרייד יוניאניזם און די ארבייטער
באוועגונג".

פרייטאג אבענד דעם 16טען יאנואר,
צווייטע לעקטשור איבער מוזיק פון הער-
מאן עפשטיין.

שבת, 2 אוהר נאכמיטאג, לעקטשור
איבער „געזונד", ביי דר. גריעל. — 3
אוהר נאכמיטאג, גימנאסטיק און טענץ,
אונטער דער אויפזיכט פון מיס פראנסיס
ניומאן.

* * *

צווייטער בראנקס יו-
ניטי סענטער. פאבליק סקול 42,
וואשינגטאן עוו און קלערמאנט פארקוויי.

מאנטאג אבענד דעם 12טען יאנואר,
ערשטע לעקטשור פון דזשארדזש סאול,
איבער „טרייד יוניאניזם און די ארבייטער
באוועגונג".

פרייטאג אבענד, דעם 16טען יאנואר,
א לעקטשור איבער ליטעראטור, „די פיה-
רער פון'ם נעראנס", — מרס. אלגא
מארקס.

שבת 2 אוהר נאכמיטאג, לעקטשור
איבער „געזונד", דר. [illegible]

* * *

הארלעם יוניטי סענ-
טער, פאבליק סקול 171, 103טע סט.
צווישען מעדיסאן און 5טע עוו.

דינסטאג אבענד דעם 133טען יאנואר,
צווייטע לעקטשור פון מרס. ליליען מאט-
קינס ראדזשערס, איבער „טרייד יוניאניזם
און די ארבייטער באוועגונג".

דאנערשטאג אבענד דעם 15טען יאנ.
צווייטע לעקטשור איבער „געזונד" פון
דר. יו. רעמיע.

פרייטאג אבענד דעם 16טען יאנואר,
צווייטע לעקטשור איבער „די מאדערנע
אידישע שרייבער (אין אידיש). דער לעק-
טשורער איז פראפעסאר מ. ס. מאמרעל
פון יעיל אוניווערזיטעט.

* * *

בראנזוויל יוניטי סענ-
טער, פאבליק סקול 84, גלענמאר און
סטאון עוו.

מיטוואך אווענד, דעם 14טען יאנואר,
לעקטשור איבער „געזונד", פון דר. סארא
גרינבערג.

דינסטאג אווענד דעם 15טען יאנואר,
א לעקטשור איבער „טרייד יוניאניזם",
פון מיס מארגארעט דעניעלס.

פרייטאג אווענד, דעם 16טען יאנואר,
לעקטשור איבער ליטעראטור, „די מאדער-
נע דראמא" — מיס עללען יו. קענאן.

דאנערשטאג אווענד, דעם 15טען יאנ.
גימנאסטיק און געזעלשאפטליכע אונטער-
האלטונג, אונטער דער אויפזיכט פון מיס
דום קאהן.

* * *

ווייסט מאכער יוניטי
סענטער, פאבליק סקול 40, 320 א.
20טע סטריט.

אין דעם סענטער, ווי אין אלע אנדערע
נעהען אן סיסטעמאטיש די לעקטשורס,
קורסען און קלאסען, ווי עס איז שוין
איינינע מאל אנאנסירט געווארען.

קלאסען אין ענגליש
ווערען געגעבען אין אלע אונזערע סענ-
טערס, מאנטאג, דינסטאג,
מיטוואך און דאנערשטאג
אווענד.

וואך-ארבייט אין פילאדעלפיער קלאוק-אינדוסטריע איינגעפיהרט

(שלוס פון זייט 1).

שען נאוועמבער 15 און יאנואר דעם ער-
שטען; אויך ניט צווישען 15טען יוני
און 1טען אויגוסט. די, וועלכע זיינען
באשעפטיגט ביי סקווירטס, האבען א
רעכט צו באשטימען אנדערע מאנאטען,
לויט די פאדערונגען פון דער ארבייט.
און אין די צייטען, ווען עס איז ערלויבט
צו ארבייטען אווערטיים, טאר ניט נעאר-
בייט ווערען מעהר ווי אכט שטונדען א
וואך, און ניט מעהר, ווי צוויי שטונדען
א טאג. מעהר אווערטיים איז ניט ער-
לויבט, סיידען אין אן אויסנאהמס-פאל,
און דאס מיט דער ערלויבניש פון דער
יוניאן. פאר אווערטיים מוז דער אר-
בייטער קריגען באצאהלט אנדערהאלבען
מאל.

אין פונקט זעקס ווערט ערקלעהרט,
אז קיין ארבייטער טאר ניט קריגען ווע-
ניגער ווי דעם מינימום-וויידזש, אויסער
די, וועלכע זיינען אלט און קראנק און
קענען ניט מעהר אויפטאן די פולע מאס
ארבייט.

אין דעם זיבעטען פונקט ווערט ער-
קלעהרט, ווי אזוי זאל איצט, איידער די
קאמיטע האט נאך פעסטגעשטעלט דעם
מינימום, דער וואכען-לוין פון ארבייטער
באשטימט ווערען. דאס ווערט בא-
שטימט צווישען דעם מאנופעקטשורער
און א קאמיטע פון די ארבייטער. אלע
וויידזשעס, וואס ווערען באשטימט, זיי-
נען גילטיג פאר'ן גאנצען סעזאן, און קיין
העכערונג פון לוין זאל ניט געמאכט ווע-
רען אהן דער צושטימונג פון דער יוניאן.

אין פונקט 8 הייסט עס, אז פאר א
נייעם ארבייטער אין א שאפ ווערט בלויז
די ערשטע וואך באטראכט אלס א
טרייעל-וואך. נאך דעם ווערט ער בא-
טראכט אלס א רעגעלער ארבייטער און
זיינע וויידזשעס ווערען באשטימט פון
א שאפ-קאמיטע און דעם מאנופעקטשו-
רער.

אין פונקט 9 ווערט ערקלעהרט, אז
אין קיין שאפ טאר ניט געארבייט ווע-
רען קיין אווערטיים אזוי לאנג, ווי עס
איז דא פלאץ פאר נאך ארבייטער, סיי-
דען אין אן אויסנאהמס-פאל, אי דאס,
דארף די יוניאן דערצו איינשטימען.

פונקט 10. די וויידזשעס מוזען בא-
צאהלט ווערען וועכענטליך אין א בא-
שטימטען טאג און אין קעש.

פונקט 11. אלע ארבייטער זאלען
באצאהלט ווערען פאר די פאלגענדע גע-
זעצליכע יום טובים: מעמאריעל דעי,
אינדעפענדענס דעי, לייבאר דעי,
טהענקס-גיווינג דעי, קריסטמעס און ניי-
יאהר. די ארבייטער מעגען אויך ניט
ארבייטען דעם 1טען מאי, אבער זיי קרי-
גען ניט באצאהלט פאר דעם טאג.

פונקט 12. אין דער וואך, ווען עס
קומט פאר א געזעצליכער יום טוב, זא-
לען די ארבייטער וואס ארבייטען ווע-
ניגער ווי א פולע וואך באצאהלט ווערען
פאר'ן יום טוב טאג לויט די שטונדען
פאר די אויפגעטאנענע ארבייט.

פונקט 13. אין שאפ ווערט ניט ער-
לויבט קיין קאנטראקט-ארבייט און קיין
סוב-קאנטראקט ארבייט.

פונקט 14. קיין ארבייט זאל ניט
ארויסגעגעבען ווערען צום ארבייטער אין
זיין היים.

פונקט 15. עס זאלען ניט זיין קיין
צייט-קאנטראקטען צווישען דעם באלע-
באס און ארבייטער, ניט אינדיווידועל
און ניט אין גרופען.

פונקט 16. דער מאנופעקטשורער
דארף באזארגען די ארבייטער מיט מא-
שינען, געטריבען פון עלעקטריק און מיט
אלע נויטיגע מאטעריאלען פאר דער אר-
בייט.

פונקט 17. ווען א סאב-קאנטראק-
טאר צאהלט ניט די ארבייטער די ריכ-
טיגע וויידזשעס און היט ניט אפ אלע
יוניאן-סטאנדארדס, מוז דער מאנופעק-
טשורער [illegible]
שוין אנגעפאנגען, דארף געענדיגט ווע-
רען.

פונקט 18. אלע גארמענטס, וואס
פאנגען זיך אן צו ארבייטען אין פעק-
טארי, מוזען זיי אויך דארט געענדיגט
ווערען, סיידען אלע אינסייד-ארבייטער
זיינען פול באשעפטיגט.

פונקט 19. עס ווערט פארשטאנען,
אז א קאנטראקטאר איז דער יעניגער,
וואס קריגט געשניטענע וואארע, און א
סאב-מאנופעקטשורער איז דער, וועלכער
קריגט ניט געשניטענע וואארע מיט דעם
צוועק צו מאנופעקטשורען.

פונקט 20. דער באס איז איינפאר-
שטאנען ניט צו קויפען פון מאנופעק-
טשורער און ניט צו פארקויפען צו מא-
נופעקטשורער, נעגען וועמען די יוניאן
האט ערקלעהרט א סטרייק.

פונקט 21. אין צייטען, ווען דער
מאנופעקטשורער האט ניט גענוג ארבייט
פאר אלע זיינע ארבייטער פאר דער גאנ-
צער וואך, דארף די ארבייט, וואס איז
דא, פארטיילט ווערען גלייך צווישען אלע
ארבייטער, און זיי זאלען קריגען בא-
צאהלט ניט ווענינער ווי פאר א פולען
טאג, אפילו ווען זיי האבען ניט געאר-
בייט דעם גאנצען טאג.

דאס איז דער אגרימענט. ער טור-
מינט זיך ניט אין קיינע פרושים, ווייל
ער איז קלאר, אהן די מינדעסטע צוויי-
דייטיגקייט, און די פילאדעלפיער קלאוק-
מאכער יוניאן האט ווירקליך די בעסטע
גרינדע צו זיין צופריעדען.

איין זאך איז נאר פארדריסליך, און
דאס איז, וואס פריינד אמדור, וועלכער,
ווי געוואוסט, האט אויפגעבויט די יוניאן
און איז געשטאנען מיט איהר, אלס איהר
פריינד און פיהרער פאר די לעצטע 14
יאהר, וויל איהר איצט פארלאזען. עס
איז צו האפען אז ער וועט זיך עס נאך
גוט איבערלעגען, איידער ער וועט זיך
ענטשליסען דערצו. נאר וועט ער עס
דאך טאן, זיינען מיר זיכער, אז ער וועט
זיך אויך פון דער יוניאן ניט דערוויי-
טערען און ער וועט טאן אלעס אין זיינע
כחות פאר דער יוניאן, וועלכע ער האט
געבראכט דורך זיין ארבייט און נעטריי-
שאפט צו דער העכסטער מעגליכסטער
מדרגה.

אינדזשאנקשאן נעגען לאקאל 50 צוריק-געוויזען

ווי מיר האבען געמעלדעט מיט איי-
ניגע וואכען צוריק, האט די טשילדרענס
דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן פארלאנגט
אין קאורט אן אינדזשאנקשאן נעגען אונ-
זער טשילדרען דרעסמייקער יוניאן לאקאל
50 און נעגען דער אינטערנעשאנאל, דאס
דער יוניאן זאל זיין פארווערט צו סטריי-
קען נעגען די מאנופעקטשורער פון דער
דערמאנטער אסאסיאיישאן, מיט וועלכער
די יוניאן האט בעפאר געהאט א קאלעק-
טיוועז אגרימענט און דער אגרימענט איז
נאכדעם געבראכען געווארען. לעצטען דינ-
סטאג האט ריכטער דייווים, אין פארט 1
פון סופרים קאורט, דעם אינדזשאנקשאן
צוריקגעוויזען.

דאס איז, אלזא, א זיעג פאר לאקאל
50 צוזאמען מיט אונזער אינטערנעישא-
נאל. דיעזע מאנופעקטשורער וועלען זיך
איצט מעהר ניט דרייען א מוח מיט אינ-
דזשאנקשאנס נעגען דער יוניאן, און וועד-
לען בעסער זעהן מיט דער יוניאן דורכ-
קומען און שליסען א נייעם אגרימענט.

נעגאסע מאיר לאנדאן האט די קייס
ארגומענטירט אין קאורט פאר דער יוניאן [illegible]

דער וואוקס פון דער עקזאמינערס, באנדארערס און בושלערס יוניאן לאקאל 82

אן איבערבליק פון מ. י. אשפיז.

מיר האבען אין אונזער לעצטען באריכט צוגעזאגט צו געבען איינצעלהייטען פון אונזער יעהרליכען פינאנץ-באריכט, וועלכער וועט אילוסטרירען דעם ערפאלג און צואוואוקס פון אונזער יוניאן. עס פאדערט זיך אבער אפריהער א קורצע הקדמה. —

ווען איך האב אנגענומען דעם אמט פון מענעדזשער, האט מען מיר ערקלעהרט, אז דא דארף ארגאניזירט ווערען א פאך פון דריי-פיער טויזענד ארבייטער. דער חשבון איז יעמאלט געווען א פשוט'ער: מיר האבען מעהר ווי 2000 קלאוק-שעפער אין אונזער אינדוסטריע; אין יעדען שאפ ארבייט דאך אם ווינציגסטען איין (1) עקזאמינער אדער בושלער; דערצו זיינען דא שעפער, וועלכע באשעפטיגען פיעל מעהר ווי איינעם, זאגאר אזעלכע וואס באשעפטיגען עטליכע צעהנדליג און דער חשבון שטימט ריכטיג.

אבוואהל אונז האט דאן שטארק געחידוש'ט, ווי אזוי עס האט געקענט מעגליך זיין, אז א פאך פון עטליכע טויזענד ארבייטער זאל אין אונזער אינדוסטריע אין גאנצען פארזעהן ווערען אזוי, אז דער פאך זאל איבערבלייבען אונארגאניזירט 9 יאהר צייט. אבער מען האט געענטפערט, אז ביז יעצט האט מען דיעזען פאך ארבייטער באטראכט פאר פארלייטע, און אזוי ווי קיין אנדערע פאקטען אפצושטרייטען דיעזע מיינונג האט קיינער ניט געהאט, האט מען עס אנגענומען פאר ריכטיג.

אונזער ערפאהרונג באגריינדעט אויף דעם יאהר ארבייט, וואס מיר האבען אוועקגעגעבען צו ארגאניזירען דיעזען פאך, האט אונז געצייגט, אז די ריכטיגע צאהל באשעפטיגטע עקזאמינערס און בושלערס אין דער אינדוסטריע איז פיעל קלענער; אין גאנצען איז זייער צאהל ארום אנדערהאלבען טויזענד. דער חשבון איז טאקע „טעארעטיש" ריכטיג. די אינדוסטריע האט פלאץ צו באשעפטיגען איינינע טויזענד עקזאמינערס און בושלערס, אבער אזוי ווי די מאיאריטעט פון טרייד זיינען די סאב-מאנופעקטשורערס, האבען מיר דעם אמת'ען צושטאנד געפונען ווי פאלגט:

א געוויסע צאהל „סאבס" טוען די עקזאמינינג אליין. די פירמעס זיינען קליינע. זיי באשעפטיגען ווייניג אפרייטארס און פינישערס, און איינער פון דער פירמע, דער „אינסייד פארטנער", טוט געוועהנליך די עקזאמינינג. אנדערע „סאבס", ווידער, באשעפטיגען איין מענשען, וועלכער דארף אין שאפ זיין א כל-בו'ניק: אין סלעק — דער דעזיינער, און אין סיזאן — דער פארמאן און עקזאמינער (און דאס אלעס פאר קליינע שכירות). פאראן אזעלכע, וואס קויפען אדער קריגען פון דזשאבער יעדען סיזאן א פאר סטיילס, דארפען זיי שוין קיין דעזיינער אין גאנצען ניט, האלטען זיי א „פארמאן", וועלכער דארף טאן די עקזאמינינג, פינינג און בושלינג. פאראן אפילו אזעלכע שעפער, וואו כאטש די פארלייטע שטעהען ביים פיגור און ארבייטען, זיינען זיי דאך אמת'ע פארלייטע, און לויט דער קאנסטיטושאן טאר מען זיי אין דער יוניאן ניט אריינגעהמען. אין קורצען: ווען די גאנצע עקזאמינינג, פינינג און בושלינג וואלט געטאן געווארען פון עקזאמינערס און בושלערס, איז טאקע דא ארבייט גענוג פאר דריי-פיער טויזענד מענשען; אבער אזוי ווי בעלי בתים, דעזיינערס און פארלייטע האבען פאקטיש געטאן און טוען נאך אלץ א גרויסען טייל פון דער ארבייט, בלייבט פלאץ אין אונזער אינדוסטריע נאר פאר א אנדערהאלבען טויזענד אמת'ע עקזאמינערס און בושלערס.

עס פארשטעהט זיך, אז האבענדיג צו ארבייטען אויף א פיעל קלענערען פעלד, מוז מען אונזער סוקסעס רעכענען פארהעלטניסמעסיג, לויט דער צאהל ווירקליך באשעפטיגטע און ניט לויט דער צאהל, וואס מיר אלע האבען געמיינט, אז עס זיינען באשעפטיגט אין דעם טרייד.

אריינקומענדיג אין אמט, האב איך געפונען אויפ'ן בוך 350 מעמבערס און פון דאן ביז דער ענדע פון לעצטען סטרייק האבען מיר צוגעקראגען 226 נייע מעמבערס. דער סטרייק האט אונז, אלזא, ניט פיעל געהאלפען, סיי אין באצוג די מעמבערס, סיי אין באצוג די פינאנסען. די איינטריטס-געלד האט באטראפען 2,439.00 דאלאר אויף וועלכע מיר זיינען שולדיג געווען מעהר ווי צוויי טויזענד דאלאר חובות. ערווארטעט האבען מיר דאן אם ווינציגסטען א טויזענד מעמבערס און א צוועלף-פופצעהן טויזענד דאלאר איינגאהמע. די אורזאכע פון אונזער ענטוישונג איז געווען גאנץ איינפאך: די עקזאמינערס און בושלערס, ארבייטענדיג פאר א קליינעם לוין, האבען, גלייך ווי סלעק האט זיך אנגעפאנגען, גענומען זוכען אנדערע באשעפטיגונגען פאר א ווייל. זיי זיינען אלזא ניט געווען אין טרייד, אין די שעפער, ווען מען איז ארונטער אין סטרייק, און דערפאר האבען מיר זיי ניט געקענט קריגען.

מיר האבען דאן איינגעזעהן, אז דער סטרייק און דער אגרימענט וועט אונז נאר געבען א פרייע מעגליכקייט פאר ארגאניזאציאנס ארבייט, וועלכע מיר וועלען דארפען דורכפיהרען שפעטער, ווען דער סטרייק וועט זיין צו ענדע, אז עס וועט זיך אנפאנגען רודלען אין די שעפער און די עקזאמינערס און בושלערס וועלען ביסלעכווייז צוריקקומען צו דער ארבייט.

אונזער יוניאן האט נאכ'ן סטרייק אנגעשטעלט נאך א באצאהלטען בעאמטען — אונזער פינאנס סעקרעטער, בר. ל. ראזענבלאט, וועלכער איז צוזאמען מיט אונז געגאנגען. איבער די שעפער. דארט וואו מיר האבען אליין ניט געקענט פועל'ען, האבען מיר נעקראגען די הילפע פון די דיסטריקט אפיסעס און אזוי נאך האבען מיר פאר דעם צווייטען האלבען יאהר — פון דזשולייי ביז דעצעמבער 1919 — אריינגענומען 295 נייע מעמבערס (אויסער ארום 75 אפליקאנטען, וועלכע צאהלען אויס זייער איינטריטס-געלד). די סומע וואס דיעזע מעמבערס האבען איינגעצאהלט אין איינטריטס-געלד, באטרעפט 3,489 דאלאר. דאס ווייזט, אז די מעהרסטע נייע מעמבערס זיינען אריינגעקומען אין אונזער יוניאן א דאנק דער ארבייט נאכ'ן סטרייק.

* * *

אונזער וואוקס אין מעמבערשיפ איז, אמת, געווען א לאנגזאמער, אבער דערפאר א נאטירליכער און א געזונטער. די נייע מעמבערס זיינען פאר דער יוניאן באגייסטערט ניט ווייניגער ווי די אלטע. אויב דאס דיוס צאהלען שפיגלט אפ די שטימונג און די געפיהלען פון די מעמבערס צו זייער יוניאן, דארף דער פאקט וואס אין דעם סלעק מאנאט דעצעמבער האבען מיר פארקויפט 2639 סטעמפס, דאס הייסט אז ארום 660 מעמבערס האבען וועכענטליך געצאהלט דיוס אין צייט פון סלעק, זיינען דער בעסטער סימן פון דעם פראגרעס פון אונזער יוניאן און פון דעם קאליבער פון אונזער מעמבערשיפ. דאס אבער איז ניט דער איינציגער פינאנציעלער עדות. מיר זיינען, ווי אויבען געזאגט, ערב דעם סטרייק שולדיג געווען ארום 2,000 דאלאר, וואס מיר האבען אנגעליהען כדי אויפצוהאלטען אונזער יוניאן ווי אויך טעקסעס צום דזשאינט באארד און צו דער אינטערנעשאנאל וואס מיר האבען יעמאלט געקומט. די חובות זיינען יעצט שוין באצאהלט און אונז איז צום ענדע יאהר געבליבען א פארמעגען פון $5,089.56, דאס מיינט, מיט אנדערע ווערטער, אז אויסער די אלטעגליכע קאסטען פון ארום 11 טויזענד דאלאר פאר די אויפהאלטונג פון אונזער יוניאן דיעזען יאהר, האבען מיר נאך אפגעשפארט, זייט דעם סטרייק, ארום 7,000, און נאכדעם ווי מיר האבען אויסגעצאהלט אלע חובות, בלייבט אונז נאך אלץ א פארמעגען פון 5,000 דאלאר.

(אין אונזערע ווייטערע באריכטען וועלען מיר פרובירען באריהרען די צוקינפטיגע פראבלעמען פון אונזער יוניאן).

* * *

מאנטאג, דעם 15טען דעצעמבער, האט אונזער לאקאל אפגעהאלטען וואהלען פאר בעאמטע און עקזעקוטיוו באארד. אלס טשערמאן פון לאקאל איז ערוועהלט געווארען בר. ס. ל. שעהנבערג; אלס רעק. סעק. בר. ל. יאסער, און צו זיי זיינען ערוועהלט געווארען נאך 13 עקזעקוטיוו מעמבערס, נעמליך: בראנדינגער, גאלדמאן, גראף, גרייפער, טוניס, טישקאפסקי, לעווין, סאמסאן, סטיין, פאקס, פארבער, קאהן און ראזאנסקי.

דער מענעדזשער און פינאנץ סעקרעטער זיינען ווידער ערוועהלט געווארען. דער מיטינג האט זיך אויסגעצייכנעט דורך דערמיט, וואס הגם דאס צעהלען די שטימען האט גענומען זעהר לאנג, דאך זיינען אלע געבליבען געדולדיג ווארטען און זיינען ניט אוועק ביז דער רעזולטאט פון די וואהלען איז באקאנט געווארען. דאס צייגט דעם גרויסען אינטערעס, וואס די מעמבערס האבען אין דעם, ווער עס וועלען זיין זייערע פארוואלטער פאר דעם קומענדען יאהר.

* * *

מיטוואך, ניי-יאהרס איוו, איז געהאלטען געווארען אינסטאלליישאן פון דעם נייעם עקזעקוטיוו באארד, אלס עקז. טשערמאן איז געוועהלט געווארען: מ. גרייפער אלס וויים-טשערמאן, י. גראף. און צום דזשאינט באארד זיינען ווידער ערוועהלט געווארען די פאראיאהריגע מעמבערס, די ברידער גרייפער און סטיין. עס איז פארגעלעזען געווארען דער יעהרליכער פינאנס-באריכט, וועלכען די מעמבערס האבען מיט באגייסטערונג אנגענומען און נאכהער האבען אלע מעמבערס צוזאמען מיט די אפיסערס און געסט זיך משמח געווען און באגעגענט דעם נייעם יאהר.

א בריעף פון לאס אנדזשעלעס

פון סאמועל זיידמאן.

ווי איהר זעהט, בין איך שוין אין לאס אנדזשעלעס.

און געקומען בין איך גראדע אין א צייט, ווען אין דעם קלאוקמאכער לאקאל פון דער שטאדט איז פארגעקומען א שטיקעל אינערליכע מחלקה. איך האב געהאט איינינע מיטינגען מיט'ן עקזעקוטיוו באארד פון דעם לאקאל, וואו איך האב געזוכט צו מאכען שלום צווישען די צוויי פראקציעס וואס איך האב דא געפונען און ביז א געוויסען גראד איז עס מיר געלונגען. איך האב שוין ביינעוואוינט א מעמבער מיטינג, פאר דעם זעלבינען צוועק. איצט וועל איך דא פרובירען ארא[נ]זשירען א קאנפערענץ מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן, אום צו באשפרעכען געוויסע פונקטען.

איך האב שוין דא אויך געהאט א מיטינג מיט'ן עקזעקוטיוו באארד פון דער וועיסט און דרעסמאכער יוניאן. דיזע יוניאן דארף מען נאך ערשט אויפבויען. איך האב איינגערופען א מיטינג פאר די מיידלעך פון די וועיסט און דרעס שעפער און איך האף, אז דער מיטינג וועט זיין גוט באזוכט.

אין לאס אנדזשעלעס זיינען דא ארום צוויי טויזענד וועיסט און דרעסמאכער, א פאר הונדערט פון זיי זיינען דרעסמאכער און די איבעריגע זיינען וועיסטמאכער. די דרעסמאכער זיינען דאס רוב אידישע מיידלעך. ארום 95 פראצענט פון די וועיסט מאכער זיינען אמעריקאנער און מעקסיקאנער מיידלעך, וועלכע זיינען מיט ארבייטער פראגען ווייניג וואס באקאנט און עס וועט נארניט לייכט זיין זיי צו ארגאניזירען. א פארזוך דאס צו טאן מוז אבער דאך אמאל געמאכט ווערען.

דא איז, למשל, פאראן איין וועיסט-שאפ, אין וועלכען עס זיינען באשעפטיגט א 700 מיידלאך, דער באס איז אפילו א איד, אבער צווישען די 700 מיידלעך אין זיין שאפ געפינען זיך אין גאנצען צוויי אידישע. דער באס פארשטעהט א געשעפט.. ער מאכט פאר די מיידלעך „פארטיס", „דענסעס", האלט פאר זיי „ספישעס", אום זיי צו מאכען גלויבען, אז ער איז צו זיי מעהר א פאטער איידער א באס וואס זוכט פראפיטען. און מאנכע פון די אנדערע באסעס טוען נאך וואס ער טוט. מען וועט, אלזא דיזע מיידלעך דארפען נעהמען אויפקלעהרען, זיי געבען צו פארשטעהן, דאס פאר די „פארטיס" און „דענסעס" באצאהלען זיי אליין, און זייערע באסעס פארדיענען נאך עפעס דערביי. אויף וויפיעל דאס וועט אונז געלינגען, בלייבט איבער צו זעהן.

* * *

און איצטער וועגען דער קאמישער זייט.

משוגעים זיינען דא דא פון אלע סארטען. טענצער און שפרינגער, גאלד-מיין-זוכער, אידעאליסטען, פון יעדען סארט און גלאט צודרעהטע, און איך האב שוין אין דער קורצער צייט זיך באגעגענט מיט די פארשיעדענע קרענקס. איינער, צום ביישפיעל, ערקלערט, אז ער קאן היילען אלעס און אלעמען. מיט וואס? מיט פאסטען 15 טעג דאס ווינציגסטע. אפילו א קאנסער, און מעג זיין איינער אהן לונגען, קאן ער איהם אויך העלפען. אי, ס'איז דאך אזוי פיעל דא פון זיי און ער קאן דאך בעווייזען וואונדער! נו, זאגט ער אייך, אז ער באווייזט טאקע, נאר מען מוז זיך איהם איבערגעבען אין גאנצען. און ער רעדט, דאכט זיך, לאגיש און איבערצייגענד אויך, נאר מיר זיינען פארשאלטען מיט דעם אנטי-צוטרויען...

א צווייטער האט א מיטעל פון עסען רויהע עסען און א פאסט, אז עס איז א מיטעל, אז עס זיינען דא צוויי רעסטאראנען מיט דיזע מאכלים; עס מיינט פשוט, עסען אלעס רוי, געוועהנליך, בלויז וועדזשעטייבעלס. פון לעבעדיגע זאכען איז אפגערעדט. פון היילען אזא מין זאך ווי מיינע גאל שטיינער איז א שפיי, און אלעס אהן זאלץ, אהן פעפער, אהן זויער, אהן זיס. היינט ספיריטואליסטען, נישט קיין בראנפען טרינקער, נאר דאס איז אזא מין זאך, ווי זיך איבערגעבען צו די נישט-גוטע, שדים, רחמנא לצלן.

און ווען נישט די שטראהלען פון דער ווארימער זון און די שענהייט פון די נאטירליכע כחות וואס קאן ווארימען און לעבעדיג מאכען אלעס און אלעמען, דאן וואלט דיזע שטאדט געווים געווען א דול-הויז.

דערפאר אי זדא דער קלימאט מחיה'-דיג. שטעלט זיך פאר, אז זינט איך בין געקומען געה איך ארום אין בלויזען סוט, האלבע שיך, און ביימאג איז ליעבליך ווארעם. קומט אין אבענד פיהלט מען אן אנגענעהמע קיהלקייט. פאהרט מען ארויס א צעהן מינוט פון שטאדט, וואקסען אראנדזשעס, לעמאנס, גריפס, פרוכט, פלוימען, און אלעס איז גרין, די פאלמען שטעהען גלייך, שטאלץ און די צווייגען צעשפרייטען זיך, הענגען ארונטער, אום צו פארדעקען די נאקעטקייט פון בוים. אט, צום ביישפיעל, היינט, דער ערשטער יאנואר, אין דער צייט, ווען איהר זייט דארט ארומגעגאנגען מיט גראבע קאפאטעס, ראבערס, הענטשקעס, מאפעלס, וואלענע זאקען און ווינטער-וועש, האט מען דא געהאט א פאראייד פון בלומען, א האלבע שטונדע רייזע פון לאס אנדזשעלעס און עס איז געווען א וועלט פון בלומען-קאלירען אהן א שיעור. נאר א זונען-אונטערגאנג אין לאס אנדזשעלעס קאן באשאפען אזוי פיעל קאלירען און הימעל. מיינע פריינד, איך וועל זיך נישט אונטערנעהמען אייך דאס צו באשרייבען.

באקאנטע האב איך דא באגעגענט א וועלט, און איך'ל זעהן צי איך וועל קענען דא זיך איינלעבען.

זאל דאס פאר היינט זיין גענוג. א צווייטען מאל וועל איך פרובען שרייבען מעהר.

פרעזענטירען דעם שאפ טשערמאן.

ביי א גוט באזוכטען מיטינג פון שעף און מענדעל' ס שאפ, 132 וועסט 37טע סטריט, איז ברודער ל. בערנער, שאפ-טשערמאן פון שאפ, פרעזענטירט געווארען מיט א גאלדענעם זייגער פאר זיין גוטע ארבייט אלס שאפ טשערמאן. ברודער בערנער האט אין איינינע ווערטער אויסגעדריקט זיין דאנקבארקייט צו דעם שאפ פאר דער אנערקענונג פון זיין ארבייט אלס טשערמאן מיט אזא שעהנעם קאסטבארען פרעזענט. די אנוועזענדע האבען דערנאך געדריקט דעם שאפ טשערמאן די האנד, ווינשענדיג איהם ער זאל געברויכען עס געזונטערהייט און פארטזעצען זיין ארבייט.

די קאמיטע:

דזשוי ריפקין,
לוי דייוויס,
היימי סאפיר,
בעקי שיף,
סעם קעטץ,
אייב פאסנער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the Internaional Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
Vol. II. No. 3. New York, Friday, Jan. 16, 1920.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Accepting for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of Ocober 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

וועקט אלץ מעהר און מעהר פארדאכט ביי דער קאמיטע: מסתמא פיהלען זיי זיך אין עפעס זינדיג, וואס זיי ווילען זיך ארויסדרעהען פון א פארהער.

אין די פאלגענדע פאר טעג זיינען די מאנופעקטשורער פארגעקומען מיט זייערע טענות, וועלכע זיינען באקאנט, און אויף וועלכע מיר וועלען זיך דא ניט אפשטעלען. עס איז נאר כדאי צו באמערקען, אז אין דעם פייער פון קראס-עקזאמינײשאן, אין וועלכען לאנדראן, זיגמאן, פיינמאן, מיט פוירקינס, פרייני און אנדערע האבען אויסגעלייטערט די באסישע מעשיות, זיינען זיי ארויסגעקומען שטארק באשעדיגט, און אפט האבען די מאנופעקטשורער געמוזט עדות-זאגען געגען זיך זעלבסט.

איצט, וועהרענד די צייטען ווערען געשריבען, האלט עס דערביי, אז די פארשטעהער פון די ארבייטער זאלען קומען ענדליך צום ווארט. און ווארים ווי די מאנופעקטשורערס האבען זיך ביז איצט געפיהלט אויפ'ן פארהער, וועלען זיי איצט דערפיהלען זיך נאך ווארימער. ווארים די סאמע עיקר-פראגע איז נאך אלץ ניט געשטעלט געווארען צו די באסעס. זיי טענה'ן אלץ, אז די קאסט פון דער ארבייט האט געשטיגען אויף איבער הונדערט פראצענט, לויט א חשבון, וועלכען ווען דאס מאכט א שילער פון ערשטען קלאס, וואלט ער געקראגען א נול; דאן טענה'ן זיי, אז די ארבייטער מאכען ניט די צאהל ארבייט, וואס זיי האבען ביז איצט אויפגעטאן. לויט די טענות, אויב זיי זיינען ריכטיגע, וואלט דאך געמוזט אויסקומען, אז די מאנופעקטשורערס האבען באדארפט ווערען בדיל הדל דעם היינטיגען סעזאן, מוז זיי אײנמאל געשטעלט ווערען די פראגע: זיינען זיי טאקע איצט ארימער, ווי פאר א יאהרען אין דער צייט? און אויב ניט, אויב זיי זיינען רייכער געווארען, טו וואס פאר א נס איז דא געשעהן?

לאנדראן האט שוין געשטעלט די דאזיגע פראגע, אין דער פארמע פון א קלארער באשולדיגונג אין פראפיטירעריי; אבער די באסעס האבען זיך געמאכט כלא ידע. ער וועט זיי אבער צווינגען צו ענטפערען.

דאס וועט געוויס מוזען נעהמען נאך איינינע זיצונגען; און אחוץ דעם וועט די קאמיטע מוזען געוויס אונטערזוכען די פארשיעדענע ציפערען, וואס זיינען אנגעגעבען פון ביידע צדדים. אונטער די אומשטענדען איז שווער צו זאגען, ווען די ענטשיידונג וועט ארויסגעבראכט ווערען. אבער, לויט אלע סמנים, וועט זי גיכער זיין גינסטיג פאר די ארבייטער, ווי פאר די קלאוק-מאנופעקטשורער. עס איז געווען דער געזונטער אינסטינקט פון די מאנופעקטשורער, וואס האט זיי געמאכט אזוי שטארק וועהרען זיך געגען דעם, אז דיזע קאמיטע זאל אויך האבען די מאכט פון ענטשיידונג.

עס פארשטעהט זיך, אז די ארבייט פון דער ארביטריישאן-קאמיטע איז פון העכסטען אינטערעס פאר אלע מיטגליעדער פון דעם דזשאינט באארד, פון אלע יוניאן-בעאמטע און פון דער גאנצער יוניאן. דערפאר איז דאס צימער אין 230 פינפטע עוועניו, וואו די קאמיטע האט איהרע זיצונגען, פול מיט „צושויער". איהר קענט דארט אימער טרעפען אונזער סעקרעטער פון דזשאינט באארד, לאנגער, מעץ, וואנדער, בראסלאווער, דזשיי. העלער און פיעלע אנדערע. זיי זיינען ניט בלויז שטומע צוהערער. נאר אפט גיבען זיי זיעגמאנען אדער לאנדראנען א ריכטיגען „פאינט", א נויטיגע פראגע צו שטעלען דעם מאנופעקטשורער, וואס לאזט זיך פארהערען פון דער קאמיטע.

יא, די קאמיטע מיט איהר ארבייט איז שוין אליין א גרויסער אויפטו.

די וואך

פון נ. שאווירא.

די ניו יארק סטייט אסעמבלי שליסט אויס די 5 אויסערוועהלטע סאציאליסטישע אסעמבלימען.

די ניו יארק סטייט אסעמבלי האט זיך באריהמט געמאכט גלייך נאך איהר ערעפנונג לעצטע וואך. נאך קיינמאל האט מען אזוי פיעל ניט גערעדט, געשריבען און זיך געוואונדערט איבער דער אסעמבלי אין אלבאני. יעדען טאג, אין יעדער עדישאן, דערצעהלט אונז די פרעססע אין שרייענדע קעפלעך, וואס עס טוט זיך אין אלבאני, און וואס מען דענקט טאן. דער שווער-פונקט פון דער וועלט האט זיך פאר דער לעצטער וואך פארקליבען אין אלבאני. ניט די האנדלונג פון סענאט אין וואשינגטאן, און ניט די נייעס וועגען דעם „שלום", וואס איז נאר-וואס גע'חתמ'עט געווארען אין פאריז, ציהט אזוי פיעל אינטערעס ווי אלבאני. צו אלע פראבלעמען, וועלכע האלטען אין איין מעהרען זיך, איז צוגעקומען נאך איינע, וועלכע האט שארפער געמאכט די איצטיגע לאגע אין לאנד.

די געשיכטע ווי אזוי די אסעמבלי איז באריהמט געווארען ווייסען אלע. אין קורצען איז עס אזוי געווען: באלד נאך דער ערעפנונג פון דער נייעם אסעמבלי, לעצטען מיטוואך, דעם 7טען יאנואר, ווי מען איז פארטיג געווארען מיט ארגאניזירען די געזעץ-געבענדע מאשינעריע, האט מען די פינף סאציאליסטישע אסעמבליליייט צוגעפיהרט צו ספיקער סוויט'ס פלאטפארמע און ער האט פאר זיי געהאלטען א רעדע. טיילווייז האט סוויט אזוי געזאגט:

„איהר זוכט צו ווערען מיטגליעדער פון דיזער קערפערשאפט — איהר וועלכע זיינט ערוועהלט געווארען אויף א פלאטפארמע, וועלכע איז אבסאלוט פיינדליך צו די בעסטע אינטערעסען פון ניו יארק סטייט און פון די פאראייניגטע שטאאטען. די פלאטפארמע פון דער סאציאליסטישער פארטיי מוז יעדער ערוועהלטער פאלגען."

ווייטער האט ספיקער סוויט געמוסר'ט די אסעמבליליייט, אז זיי באלאנגען נאר ניט צו א פאליטישער פארטיי, נאר צו א מישמאש-ארגאניזאציאן, וועלכע נעהמט אריין פרעמדע, דייטשען, יונגוואוקס. די סאציאליסטישע פארטיי נעהמט אריין אזעלכע מענשען ווי מארטענס. הייסט עס, אז די אסעמבליליייט וועלען אויסדריקען דעם ווילען ניט פון פאלק, נאר פון אט די שונאים פון אמעריקא. דאן האט איין אסעמבלימאן פארגעלעזען א רעזאלוציאן, וועלכע איז צוגעפארטיגט געווארען פון דער באוואוסטער לאסק-קאמיטע. מען האט געשטימט איבער דער רעזאלוציאן. די רעפובליקאנער און דעמאקראטען האבען געשטימט צוזאמען, אז מען זאל די אסעמבליליייט סוספענדירען און מען זאל עס איבערלאזען צו א קאמיטע, וואס וועט דארפען אורטיילען צו די סאציאליסטען קענען זיין פארטראטען אין דער אסעמבלי.

די האנדלונג פון דער אסעמבלי בנוגע צו די סאציאליסטען איז אזוי קלאר און שארף, אז קיין צוויי מיינונגען קען מען וועגען דעם ניט האבען. דער גרעסטער טייל פון דער פרעסע, אריינרעכענענדיג אזעלכע צייטונגען ווי די „ניו יארק וואירלד", די „איוונינג פאסט", די „גלאוב" זיינען שארף ארויס געגען דיזער האנדלונג. אזא פראמינענטער פיהרער פון דער רעפובליקאנער פארטיי ווי טשארלס יוהז האט געשריבען א שארפען בריעף צו ספיקער סוויט געגען דער אויסשליסונג פון די אסעמבליליייט. פראמינענטע לאיערס, גלחים, פאליטישע טוערס האבען זיך ארייננעווארפען אין קאמפף צו צווינגען די אסעמבלי צוריקצוציהען איהר באשלוס. די באר אסאסיאיישאן פון ניו יארק, וועלכע באשטעהט פון אזעלכע מיטגלידער ווי טשארלז יוהז, געוועזענער אטארני דזשענעראל וויקערשעם, געוועזענער גאווערנאר וויהיטמאן, לואיס מארשאל און אנדערע, האבען אנגענומען א רעזאלוציאן, וועלכע פארדאמט די האנדלונג פון דער אסעמבלי אלס א ניט-אמעריקאנישע און פאדערט איהר אויף וואס גיכער מבטל צו מאכען די דאזיגע האנדלונג.

די ענטריסטונג און פראטעסט פון אזעלכע קוועלען איז געווען אונערווארטעט פאר ספיקער סוויט און דער לאסק-באנדע. אין עס האט דאך די אסעמבלי געהאנדעלט אין דעם גייסט וואס הערשט אין דעם גאנצען לאנד. דער יוסטיץ-דעפארטמענט, דער פאסט אפיס דעפארטמענט האנדעלט אין דעם זעלבען גייסט. אין אונזער קאנגרעס אין וואשינגטאן איז אויך פאלקאם איינשטימיג מיט דעם גייסט. די אויסשליסונג פון וויקטאר בערגער, די רעזאלוציאן וואס ענטהאלט א פונקט פון טויט-שטראף פאר ראדיקאלען — דאס אלעס ווייזט, אז די אסעמבלי איז ניט די איינציגע אין איהר פעסטען גלויבען, אז מען דארף אויסראטען די סאציאליסטען.

דער צוועק פון דער אסעמבלי איז געווען א גוטער, מיט וועלכען דער קאנגרעס, די פעדעראלע רעגירונג אין וואשינגטאן, די פרעסע, די פראמינענטע לאיערס, גלחים און פאליטישענס וואלטען געמעגט איינשטימען. די מעטאדע, דער וועג ווי די אסעמבלי האט עס געטאן איז נאר א שלעכטע. עס איז שלעכט ווייל עס איז צו ברוטאל אפען, נארניט פארלאמענטאריש. די געזעץ-געבער פון אלבאני האבען געהאנדעלט אנשטאט ווי פארלאמענטאריסטען נאר ווי א. וו. וו. זיי האבען מיט זייער האנדלונג געגעבען דעם גרעסטען קלאפ דער פארמע פון רעגירונג, וועלכע זיי האלטען אין איין פארטיידיגען. זיי האבען זיך באנוצט מיט דירעקטער אקציאן.

וואס איז אינטערעסאנט דערביי איז, וואס פיעלע אסעמבליליייט, וועלכע האבען געשטימט פאר אויסשליסען די סאציאליסטען, זיינען באלד ארויס מיט ערקלעהרונגען, אז זיי האבען נעבעך געשטימט ניט וויסענדיג איבער וואס זיי האבען געשטימט. דער ספיקער האט געהייסען שטימען, האבען זיי געשטימט. די רעזאלוציע האט זיי געטראפען דרעמלענדיג, ווי שטענדיג. דאס ווייזט די אינטעליגענץ פון די פארשטעהער פון פאלק. אלס רעזולטאט דערפון האט מען לעצטען דיענסטאג נאך א מאל אויפגענומען די פראגע פון די סוספענדירטע סאציאליסטען און מען האט ווייטער באשלאסען ניט אריינצונעהמען זיי צוריק אין דער אסעמבלי. דעם ערשטען מאל האבען זיך אין דער אסעמבלי נאר געפונען בלויז צוויי מיטגליעדער וואס האבען געשטימט געגען סוספענדירען זיי. איצט האט די עפענטליכע מיינונג געענדערט די לאגע. 43 אסעמבליליייט, צווישען זיי עלף רעפובליקאנער, האבען שוין געשטימט פאר צוריק אריינצונעהמען די סאציאליסטען, און 41 אסעמבליליייט האבען גארניט געשטימט.

הייסט עס, אז מע וועט די סאציאליסטישע אסעמבליליייט משפט'ען פריהער, און, ווי עס ווייזט אויס, וועט מען דערביי משפט'ען די גאנצע סאציאליסטישע פארטיי. דער טרייעל האט געזאלט פארקומען לעצטען מיטוואך, אבער פיהרער פון דער אסעמבלי האבען עס אפגעלעגט פאר נעקסטען דיענסטאג.

דער טרייעל וועט זיין פון גרויס וויכטיגקייט. די באר אסאסיאיישאן האבען ערוועהלט א קאמיטע פון פראמינענטע לאיערס, ווי טש. יוהז, לואיס מארשאל און אנדערע, וועלכע וועלען פארטיידיגען די סאציאליסטישע אסעמבליליייט אין אלבאני. און צו דעם פיהרט נאך אן די פרעס א העפטיגען קאמפיין פאר די סאציאליסטען. די לאגע ענטהאלט אין זיך, צו א געוויסען גראד, א געפאהר פאר די סאציאליסטישע פארטיי. דער פאקט וואס פארביסענע שונאים נעהען העלפען די סאציאליסטען קען האבען שלעכטע רעזולטאטען. מען וועט ווייטער אנהויבען גלויבען אין די ליבעראלען, ווי יוהז און אנדערע. און אקוראט ווי אין דער צייט פון ווילסאנ'ס ליבעראליזם וועלען פיעלע סאציאליסטען זיין געניינט צו מאכען שלום מיט די קאפיטאליסטישע פארטייען. די „פריינדליכע" באציהונגען, וועלכע קומען יעצט פאר צווישען די סאציאליסטען און די סאציאליסטען-פרעסער זיינען געפערליכע און דעמאראליזירענד.

איינע פון די בעסטע זאכען וואס די אסעמבלי האט יע אויפגעטאן מיט איהר האנדלונג, איז וואס עס האט געהאלפען צוזאמענברענגען די סאציאליסטען מיט דער ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק. די סענטראל פעדערייטעד יוניאן און די גרויסע צאהל פון יוניאנס, וועלכע זיינען אפיליאייטעד מיט דער אמעריקאן-פעדערײשאן אוו לייבאר אדער ניט, זיינען זיך, צום ערשטען מאל, צוזאמענגעקומען און דיסקוטירט און געזוכט מיטלען ווי צו באקעמפפען דעם אלגעמיינעם שונא. עס איז געווען א לעסאן אין קלאסען באוואוסטזיניגקייט. די סענטראל פעדערייטעד יוניאן האט אויף א ווייל פארגעסען אז זי האט נאר א לייבאר פארטיי וועלכע איז גרייט צו באקעמפפען די סאציאליסטישע פארטיי. און וואס איז פארגעקומען אין ניו יארק איז נאר א שארפערער, א קלארערער ביישפיעל וואס איז פארגעקומען אומעטום. די ארבייטער האבען אנגעהויבען צו פארשטעהן אז הינטער די פרעטענזיעס פון א רעגירונג פון פארשטעהער איז נאר א דיקטאטארשיפ פון קאפיטאל. די הערשענדע קלאס האט עס שוין לאנג געוואוסט. וואס זיי פראטעסטירען יעצט אזוי פיעל, איז וואס די ניו יארקער אסעמבלי האט ארויסגעלאזען די קאץ פון זאק.

פערלאנגט — א פרעזידענשעל קעמפיין אישו.

די רעפובליקאנער און דעמאקראטישע פארטייען זיינען ביזי. די צייט ווען מען דארף לאזען „לויפען" א פרעזידענט פאר די פאראייניגטע שטאאטען דערנעהנטערט זיך. פרעזידענט קאנדידאטען זיינען אהן עין הרע דא גענוג. מען דארף נאר האבען א פראגראם. די דעמאקראטען זאגען, אז די רעפובליקאנער זיינען גרייט צו געבען איינעם צעהן טויזענד דאלאר פאר אן עלעקשאן-פראגראם. די דעמאקראטישע פארטיי איז אויך פארטיג צו געבען א פיינע סומע פאר א גוטער פראגראם. אבער עס איז א שווערע זאך. עס איז א צייט, וואס איז פול מיט פראבלעמען און פראגען, און ווי מען ריהרט זיך נאר צו צו א פראגע, שפרינגען ארויס נייע, פרישע, געפעהרליכע פראבלעמען. פאר די לעצטע דריי מאנאטען האבען מיר געהאט גענוג ערפאהרונגען, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט, אז מען טאר זיך ניט אנפאנגען מיט קיינע פראבלעמען. די בעסטע און געזינטסטע זאך איז: לאזט צורוה אלע פראגען.

אבער א קעמפיין-אישו מוז מען האבען. עס איז אזוי נויטיג ווי א פרעזידענט. האבען די רעפובליקאנער געהאט דינערס און מען האט זיך געבראכען די קעפ. און די דעמאקראטען האבען געהאט, לעצטע וואך, דעם באריהמטען „דזשעקסאן דינער". דער פרעזידענט האט צוגעשיקט א שריפט, אין וועלכען ער האט פארגעלעגט, אז מען זאל דעם שלום-אפמאך מאכען פאר א קעמפיין-אישו, אויב די רעפובליקאנער סענאטארען וועלען עס ניט ראטיפיצירען. און, ווי עס ווייזט אויס, האט דער פרעזידענט אויסגעקליבען אן אישו, וועלכע וואלט, אם ווענינגסטענס, אויסמיידען צו האנדלען מיט לעבעדיגע פראגען. די „ליגע אוו ניישאנס" און דער פריעדענס-אפמאך איז גענוג טויט, אז עס וואלט ניט ארויסגערופען קיין אינטערעס פון די וואוטערס. אבער עס קען אויך זיין, אז דאס וואלט געמיינט דער טויט פאר דער דעמאקראטישער פארטיי. האט וויליאם דזשענינגס ברייען געפרואווט ראטעווען זיין פארטיי פון פארניכטונג, און ער האט פארגעשלאגען, אז די דעמאקראטען און רעפובליקאנער זאלען קומען צו א פארשטענדניס מכח דער טריטי, און מען זאל זוכען אלס א קעמפיין-אישו עטוואס אנדערעס. און, ווי די צייטונגען דערצעהלען אונז, זוכט דער סענאט צו קומען צו א פארשטענדניס וועגען פריעדענס-אפמאך, און מען זוכט נאך שטארקער צו געפינען א קעמפיין-אישו.

היינט פאר'ן שלאף

נעהמט אן

עקס-לאקס!

און איהר וועט אין דער פריה פיהלען ווי ניי-געבארען.

דער צוזאמענשטויס פון קרעפטען אין דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר

פון ה. לאנג.

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט“ האבען מיר פארצייכענט דעם פאקט, אז די דורכפעלע, וואס די לעצטע ארבייטער־ארויסטרעטונגען האבען געהאט דא אין לאנד, האבען פאראורזאכט א פראקציאנס קאמפף אין דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר. מיר האבען אנגעוויזען אין וואס עס באשטעהט דער קאמפף און וואס עס איז דער געדאנקען־בליק פון די פארשיעדענע פראקציעס. איין פראקציע, די עקסטרים קאנסערוואטיווע, טענה'ט, אז די לעצטע דורכפעלע לערנען, אז די ארבייטער־באוועגונג דארף ווערען נאך איינגעהאלטענער; אז די פאדערונגען פון די ארבייטער דארפען ניט זיין צו ווייטגעהענד און אז וואס אנבאלאנגט די פאליטיק פון לאנד אדער דעם אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען לעבען דארף זיך די ארבייטער־באוועגונג אין גאנצען ניט מישען. זי דארף באשרענקען איהר טעטיגקייט בלויז אויף דעם טאג־טעגליכען קאמפף פון די ארבייטער פאר עטוואס בעסערע קאנדיציאנען ביי דער ארבייט און דאס אלעס. די אנדערע פראקציעס, די מעהר פראגרעסיווע, טענה'ן, אז די פאדערונגען פון די ארבייטער טארען זיך ניט אפשטעלען ביי די געוועהנליכע ארבייטער־פאדערישאנס. זיי מוזען זיין ווייטגעהענדערע און ארומנעהמען דאס גאנצע לעבען פון לאנד, און אז די לעצטע דורכפעלע לערנען, אז דער קאמפף פאר די פאדערונגען דארף זיין נאך שארפער און אלזייטיגער. א שארפערער און אלזייטיגער קאמפף וועט ברענגען בעסערע רעזולטאטען. די וועלכע בילדען די פראגרעסיווע פראקציעס געהען זיך בלויז פאנאנדער אין די מעטאדען אבער זיינען איינפארשטאנען וועגען די ציעלען. מיר האבען אויך אנגעוויזען, אז דער שטרייט פון די פראקציעס איז ניט קיין שטרייט פון פערזאנען און אפילו ניט פון גלאט מיינונגען. עס איז א שטרייט פון קרעפטען. פארשיעדענע קרעפטען האבען זיך צוזאמענגעשטויסען אין דער ארבייטער באוועגונג — קרעפטען, וועלכע רעפרעזענטירען אינטערעסען, וואס מאכען אז דער פראקציאנס־קאמפף זאל ווערען שארפער פון טאג צו טאג. מיר האבען אויך דערמאנט די צוטיילונג וואס עס קומט פאר וועגען דעם אין דעם עקזעקוטיוו־קאונסיל, אין דער פיהרערשאפט פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר און אין דעם צענטער פון דער ארבייטער־באוועגונג אין אלגעמיין.

אבער איידער מיר כאראקטעריזירען די צוזאמענגעשטויסענע קרעפטען, איז נויטיג צו ווארפען א ליכט אויף דעם געבוי און די צוזאמענשטעלונג פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר. עס זיינען ניט בלויז די אינטערנעשאנאל יוניאנס פון באשטימטע אינדוסטריען, וועלכע שטעלען צוזאמען די א. פ. אוו ל. אויך די שטאדטישע טרייד יוניאן קערפערשאפטען, וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט פון לאקאלע יוניאנס פון פארשיעדענע אינדוסטריען, בילדען אן ארגאנישען טייל אין דער א. פ. אוו ל. און צווישען די צוויי עלעמענטען ארגאניזאציאנען — די אינטערנעשאנאלס און די שטאדטישע „סענטראל באדים“ — איז דער קאמפף א שטענדיגער, אן אונאויפהערליכער. אורזאכען פאר דעם זיינען דא פארשיעדענע, וואס האבען ווייניג וואס צו טאן מיט די לעצטע קעמפפע אין לאנד. אבער אין דעם צוזאמענשטויס פון קרעפטען שפיעלען די „סענטראל באדים“ א גרויסע ראלע. מען קען זיי ניט פארבייגעהן.

די „לייבאר פארטיי“, למשל, איז אנגעפאנגען געווארען פון „סענטראל באדים“, און נאך היינט זיינען „סענטראל באדים“ די שטיצער און די שפייזער פון דיעזער באוועגונג. פאר די „סענטראל באדים“ קומען אויך אפט ארוים די אלגעמיינע געזעלשאפטליכע לאזונגען, וואס ווערען שפעטער די לאזונגען פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. די מוני באוועגונג האט זיך אויך קודם כל אנגעפאנגען אין די „סענטראל באדים“. אזוי איז דאס אויך מיט דער איצטיגער פיעל־פארשפרעכענדער באוועגונג צו פארלאנגען אמנעסטיע פאר די פאליטישע פריזאנערס. ארויסגעוואקסען איז זי פון די „סענטראל באדים“. אייגענטליך איז נאטירליך, אז דאס זאל זיין אזוי. די אויפגאבען פון די „סענטראל באדים“ זיינען הויפטזעכליך געזעלשאפטליכע און עס איז ניט מעהר ווי נאטירליך, אז אין דעם צוזאמענשטויס פון פארשיעדענע באגריפע און פארשיעדענע קרעפטען אין דער ארבייטער־באוועגונג זאלען זיי פארנעהמען א פראמינענטען פלאץ און אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען באשטימטע פאליסים פאר דער ארבייטער־באוועגונג זאל מען זיך מוזען רעכענען אויך מיט זייער ווארט.

מיר האבען זיך אויף דעם אפגעשטעלט כדי אונז זאל זיין קלאר, אז ווען מיר רעדען פון א פראקציאנס־קאמפף אין דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, מיינט עס ניט א צופעליגע מחלוקת צווישען גאמפערס'ען און אנדערע ארבייטער־פיהרער און עס מיינט אויך ניט א קאמפף ארויסגערופען פון צופעליגע ערשיינונגען. די לעצטע פאסירונגען אין דער ארבייטער־באוועגונג האבען געמעגט ווירקען, אז דער קאמפף זאל ווערען שארפער און אננעהמען באשטימטע פארמען. אבער דער קאמפף קומט שוין פאר פון לאנג און וועט ניט אויפהערען אפילו ווען איין פראקציע זאל ארויסקומען די זיעגערין און איהרע פרינציפען זאלען ווערען די פרינציפען פון דער אלגעמיינער באוועגונג.

לאמיר אבער זעהן, וועלכע קרעפטען עס האבען זיך דאס איצט צוזאמענגעשטויסען.

וועהרענד אלע אינדוסטריען בילדען די אלגעמיינע ווירטשאפט פון לאנד, זיינען אבער דא מאנכע אינדוסטריען, וועלכע זיינען די הויפט־אינדוסטריען, און עפעס אן אפהאלט אין דעם גאנג פון דיעזע אינדוסטריען רופט ארוים א פאניק אין דעם אלגעמיינעם לעבען. די אייזענבאהן־אינדוסטריע, די קויהלען־אינדוסטריע א. ז. וו. זיינען גוטע ביישפיעלען. עס איז דארום נאטירליך, אז ווען די אייזענבאהן־ארבייטער, אדער די קויהלען־גרעבער שטעלען פאדערונגען, זאל זיך אין דעם אויך אריינמישען די רעגירונג. די יוניאנס פון דיעזע אינדוסטריען זיינען דארום פאראינטערעסירט ווער עס שטעהט אן דער שפיצע פון דער רעגירונג. זיי זיינען אין דעם פאראינטערעסירט ניט נאר אלס א טייל פון דעם ארבייטער קלאס. אלס א טייל פון דעם ארבייטער־קלאס דארפען זיי געוויס זיין פאראינטערעסירט, אז די רעגירענדע פארטיי אין לאנד זאל זיין די פארטיי פון דעם ארבייטער קלאס. אבער מאמענטאל זיינען זיי פאראינטערעסירט, אז אפילו ווען די הערשענדע פארטיי אין לאנד איז א גרויס־קאפיטאליסטישע און די רעגירונג איז א רעגירונג פון גרויס־קאפיטאל, אפילו דאן זאל אויך ארבייט קריגען א נעהעריגע אפשעצונג און די ארבייטער א יושר'דיגע באהאנדלונג. זיי זיינען אין דעם פאראינטערעסירט ניט אלס ארגאניזאציאן פון סתם ארבייטער, נאר אלס ארגאניזאציאנען פון באשטימטע אינדוסטריען, פון די הויפט אינדוסטריען.

עס פארשטעהט זיך שוין ממילא, אז וועהרענד די פאדערונגען פון דיעזע ארבייטער ארגאניזאציאנען זיינען אין עצם מעהר ווייטגעהענד ווי די פאדערונגען פון אנדערע ארבייטער־יוניאנס, זיינען זיי אבער קאנסערוואטיווער אין זייער האלטונג צו דער רעגירונג, מעג די רעגירונג אפילו זיין הונדערט פראצענט גרויס־קאפיטאליסטיש. און קאנסערוואטיווער פון אנדערע זיינען זיי שוין נאטירליך אויך, ווען עס האנדעלט זיך אין באשטימען אלגעמיינע פאליסים פאר דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג.

זייערע מאמענטאלע אינטערעסען פאדערען עס פון זיי.

מיר סאציאליסטען און ראדיקאלען בכלל האבען ניט אזא בליק. אונזער וועלט־אנשויאונג איז א רעוואלוציאנערע. מיר גלויבען און זיינען איבערצייגט, אז ווייטגעהענדע פאדערונגען קענען נאר אויסגעקעמפפט ווערען דורך ווייטע, ראדיקאלע מיטלען. אבער דא האנדעלט זיך ניט וועגען דעם. די ארגאניזאציאנען פון די אייזענבאהן ארבייטער, למשל, אדער די קויהלען גרעבער צום ביישפיעל, וועלכע האבען אין אויג די מאמענטאלע אינטערעסען פון די אייזענבאהן־ארבייטער און די קויהלען־גרעבער, פיהלען זיך פאראנטווארטליך דיעזע מאמענטאלע אינטערעסען שוין איצט צו באשיצען און זייער האנדלונג איז דערפאר אזא ווי עס איז מעגען די פאדערונגען אין עצם זיין ווייטגעהענד. די מעטאדען אבער ווי אזוי דיעזע פאדערונגען, אדער א טייל פון דעם, צו באקומען זיינען קאנסערוואטיוו.

גאנץ אנדערש איז דאס אבער מיט די אנדערע אינדוסטריען. די פאדערונגען וואס די יוניאנס פון אנדערע אינדוסטריען שטעלען ארויס, זיינען אין עצם ניט אזוי ווייטגעהענד. זיי ריהרען ניט אזוי אן דאס גאנצע פאלקס־לעבען. דערפאר קלייבען זיי זיך ניט אזוי שטארק פאנאנדער וועלכע מעטאדען אנצואווענדען כדי די פאדערונגען צו באקומען. די יוניאנס פון אנדערע אינדוסטריען מעגען זיך ערלויבען צו זיין אגרעסיווער. זיי מעגען שרייען אזוי הויך ווי זיי קענען; זיי מעגען אפילו ניט מקפיד זיין מיט'ן געזעץ פון לאנד. די רעגירונג „פארקוקט“ עס. אט זיי וועלען זיך איבערשרייען, טראכט מען אין די „הויכע פענסטער“. און פון דעם נעהמט זיך, וואס די יוניאנס פון די אנדערע אינדוסטריען קענען „אפארדען“ צו זיין ראדיקאל געשטימט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען באשטימען אלגעמיינע פאליסים פאר דער ארבייטער־באוועגונג.

און דא קומט דער צוזאמענשטויס פון קרעפטען אין דער ארבייטער־באוועגונג.

די אלגעמיינע ארבייטער־באוועגונג זעהט זיך ארום, אז סיי די פאדערונגען פון די ארבייטער און סיי די מעטאדען ווי אזוי די פאדערונגען צו באקומען מוזען זיין ווייטגעהענדע. די ארגאניזאציאנען פון די מינדערוויכטיגע אינדוסטריען האבען ניט וואס איינצואווענדען געגען דעם. אבער די יוניאנס פון די הויפט־אינדוסטריען האבען מורא איינצושטעלען די מאמענטאלע אינטערעסען זייערע און כאטש עס ווילט זיך זיי העלפען באשיצען די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער אלגעמיינער ארבייטער־באוועגונג, זיינען זיי געצוואונגען צו האנדלען פונקט פארקעהרט.

דער אויסגאנג פון דעם מיינער סטרייק קען דיענען פאר דער בעסטער אילוסטראציע.

די אלגעמיינע ארבייטער באוועגונג האט אין דיעזען סטרייק געזעהן מעהר ווי א געוועהנליכען קאמפף פאר א העכערונג אין שכירות. ספּעציעל נאך, ווען די רעגירונג איז ארויסגעטראטען אזוי פיינדליך געגען די ארבייטער און זיך אנגעפאנגען צו באציהען צו זיי מיט אזוי פיעל ניפּט. די אלגעמיינע ארבייטער־באוועגונג האט דערפאר געוואלט פארוואנדלען דעם מיינער סטרייק אין א קאמפף געגען דער רעגירונג, וואס האט אויסער אנדערע עבירות איהר אזוי מיאוס אפגענארט גלייך נאך דעם ווי די מלחמה האט זיך געענדיגט. זי האט אויך דורך דיעזען סטרייק געוואלט איין מאל פאר אלע מאל אפשטעלען די אינדזשאנקשאן מגפה. אבער אנדערש האט אויף דעם געקוקט די ארגאניזאציאן פון די מיינערס. דאס וואס די האנדלונג פון די פיהרער פון סטרייק איז איצט ביי דער ספּעציעלער מיינערס־קאנווענשאן אזוי פייערליך גוטגעהייסען געווארען, באווייזט נאך שטארקער, אז מעהר ווי א געוועהנליכען מאמענטאל עקאנאמישען אינהאלט האט די מיינערס יוניאן אין איהר לעצטען סטרייק ניט געזעהן.

די אלגעמיינע ארבייטער באוועגונג האט געוואלט אין דעם סטרייק זיין ווייטגעהענד. די מיינערס יוניאן האט אבער געזאגט: ניין. זי האט זיך געשראקען טאמער וועט זי מיט דעם שטעלען אין געפאהר די מאמענטאלע אינטערעסען פון די ארבייטער.

עס איז ניט וויכטיג וואס די מיינערס יוניאן קומט דא און דארט ארוים מיט ראדיקאלע לאזונגען. מעג זי אפילו זיין פון די ערשטע, אויף וועלכע מען קען האפען אז זי זאל שטיצען זאגאר די „לייבאר פארטיי“ באוועגונג, וואס עס קען מיינען, אז זי איז ראדיקאל. אבער דער פאקט איז, אז ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אן אפענעם שארפען ארויסטרים געגען דער רעגירונג, אין וואס די אלגעמיינע ארבייטער באוועגונג האט זיך אזוי שטארק גענויטיגט, איז זי געבליבען קאנסערוואטיוו, איינגעהאלטען, און עס האט געמוזט קומען צו א צוזאמענשטויס צווישען איהר און די אלגעמיינע ארבייטער־באוועגונג — א צוזאמענשטויס וואס איז פאראורזאכט פון באשטימטע אינטערעסען.

אבער נאך שטארקער קען מען זעהן דעם צוזאמענשטויס פון קרעפטען אין דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר ווען מען באטראכט די באציהונגען פון דער א. פ. אוו ל. צו די יוניאנס פון די אייזענבאהן־ארבייטער.

מיר וועלען וועגען דעם שרייבען באזונדער.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

א קאמיטע פון דער טענאנטס ליעג פון הארלעם פארלאנגט פינאנציעלע שטיצע. די קאמיטע ערקלערט, אז די שטיצע דארפען זיי האבען צו אפעלירען געגען א שטראף וואס א קאורט האט ארויפגעלייגט אויף זייערען א מעמבער.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאנץ קאמיטע.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון מר. גרובאר פון סטעמפארד אינפארמירט, אז זיי האבען זיך ארגאניזירט אין א לאקאל אונטער דער אינטערנעשאנאל. די קאמיטע ערקלערט ווייטער, אז די פירמע וויל זיי נאכגעבען אלע זייערע פאדערונגען מיט דער אויסנאמע פון אנערקענען די יוניאן.

די קאמיטע פארלאנגט, אז א סטרייק זאל געגען דער פירמע ערקלערט ווערען.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו די קאמיטע פון דער דזשאינט באארד.

א קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי אינפארמירט דער דזשאינט באארד וועגען דער האנדלונג פון דער אסעמבלי, ווי זי האט אויסגעשלאסען די 5 סאציאליסטישע פארטרעטער. די קאמיטע ערקלערט, אז די האנדלונג קען ניט פארשוויגען ווערען און אלע רעכטדענקענדע מענשען מוזען צוריקשלאגען די ברוטאלע אטאקע וועלכע איז געמאכט געווארען אויף אונזער פאליטישער פרייהייט. די קאמיטע ערקלערט, אז יעצט איז אטאקירט געווארען די סאציאליסטישע פארטיי און נאכדעם, אז דאס וועט פארשווינגען ווערען, וועלען קומען די פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען און די יוניאנס.

די קאמיטע פארלאנגט פינאנציעלע שטיצע צו קענען אנפיהרען דעם קאמפף פאר די אויסגעשלאסענע אסעמבלילייט.

דער פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו ער פינאנץ קאמיטע.

רעפארט פון באארד אוו דירעקטארס.

די פירמע אבראמאוויטש אינפארמירט, אז דער אפיס ענטזאגט זיך איהר צוריקצוגעבען די סעקיוריטי דערפאר, ווייל זי האט באשעפטיגט איהרע ארבייטער פון שטיק. מר. אבראמאוויטש פארלאנגט, אז מען זאל איהם צוריקגעבען זיין סעקיוריטי.

זיין פארלאנג ווערט צוריקגעוויזען.

ברודער ס. לאוויין, סעקרעטער און ארגאנייזער, ברענגט א קלאגע געגען דעם טשערמאן און וויס־טשערמאן פון דעם רוסיש־פוילישען ברענטש.

די ברידער בראסלאוו און ניסענאוויטש ווערען אפאינטעט צו אונטערזוכען די קלאגע.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

זאל זיך אנפאנגען דעם 26טען יאנואר, 1920.

4. אין דער אינדוסטריע זאל עטאבלירט ווערען א מינימום ווידזש סקייל פאר אלע ארבייטער און דאס זאל געשעהן ניט שפעטער ווי דעם 1טען אויגוסט, 1920.

פאר די ארבייטער אין דעם טרייד איז דער נייער אגרימענט א גרויסער געווינס און ער איז מיט פרייד און שטאלץ אויפגענומען געווארען פון די מיטגלידער פון לאקאל 50. דאנערשטאג, דעם 8טען יאנואר, 1920, האבען אלע אונזערע מיטגלידער געסטאפט פון דער ארבייט 5 אזייגער און געקומען צו א מיטינג, אויף וועלכען דער אגרימענט איז פארגעלעזען געווארען פונקט ביי פונקט. אזעלכע מיטינגען זיינען אויך אפגעהאלטען געווארען אין ברוקלין און אין בראנזוויל. אויף אלע מיטינגען איז דער אגרימענט אנגענומען געווארען מיט צופרידענהייט.

דעמזעלבען אגרימענט מאכען מיר איצט מיט די אינדעפּענדענט מאנופעקטשורער אין טרייד.

מאנכע אינדעפּענדענט מאנופעקטשורער האבען זיך פאראייניגט אין א נייער אסס'ן, אבער דאס קען ניט שטערען אונזער ארבייט. דעם אגרימענט וועלען זיי מוזען אונטערשרייבען.

און איצטער, ווען דער שטרייט צווישען אונז און דער אסס'ן איז געענדיגט וועלען מיר זיך נאך מיט מעהר ענערגיע א נעם טאן פאר די שעפער אין טרייד וואס זיינען נאך ניט ארגאניזירט. אונזער ארגאניזאציאנס־קאמפיין צו יוניאניזירען אלע שעפער אין טרייד איז שוין אין פולען גאנג און די ארבייט וועט פארטגעזעצט ווערען בי זאלע יענע שעפער וועלען זיין ארגאניזירט.

ה. גרינבערג,
מענעדזשער לאקאל 50.

בריוולאך פון פילאדעלפיא

פון א. קראפעווע.

אלטע ווייבער קומען צו גאסט צו זייערע מענער. — ברענגען א גרוס פון גן־עדן. — גיבען עצות וועגען פאמיליען אנגע־לעגענהייטען. — די האנט פון א מת וועל־כע איז גאר קיין האנט נים. — דער שרעק פון מאכען מענער אז זייערע ווי־בער וועלען קומען צוריק. — די העס־ליכע שפיקעל ארבייט פון אונזערע סיטי קאונסיל לייט.

פילאדעלפיא, זאגט איהר, איז א פאר־שלאפענע שטאדט? א נעכטיגער טאג! זי איז לעבעדיגער ווי ניו יארק, און מיר, פילאדעלפיער, קענען עס באווייזען מיט פאקטען...

ניט נאר זיינען ביי אונז אין פילא־דעלפיא וואך די לעבעדיגע מענשען, זאנ־דערן אפילו די טויטע זיינען גענוג לעבע־דיג צו קומען צו גאסט, צו געבען שלום־עליכם, צו געבען עצות ביי נאכט, צו דער־צעהלען סודות און צו טאן אנדערע זאכען, וועלכע עס וואלט אפילו געווען שווער צו מאן פאר די לעבעדיגסטע פון די ניו יאר־קער לעבעדיגע... יע, פריינד, פילאדעל־פיער טויטע אפילו זיינען היבשלאך אויף דער וואך.

איהר צווייפעלט אין דעם? — מיר קענען אייך רעקאמענדירען איינעם פון די פילאדעלפיער גלחים, וועלכער איז אויך דער פרעזידענט פון דעם טעמפעל קא־נעדוש, און וועלכער איז אין אלגעמיין א גאנץ לייטישער מענש, טראץ דעם וואס ער איז א גלח... דאס וואס ער זאגט, קען מען אזוי לייכט ניט אוועקמאכען מיט'ן האנט... און זאגען זאגט ער אזוי: ער האט גע־זעהען זיין ווייבעל צוואנציג מאל נאכא־נאנד. זי איז געזעסען ביי איהם אויפ'ן בעט, זי האט גערעדט מיט איהם, זי האט איהם אויסגעזאגט אזעלכע סודות, וועלכע זיינען פאר איהם פארבארגען פאר די לעצ־טע פינף און צוואנציג יאהר; זי האט זיך מיט איהם דורכגערעדט וועגען פא־מיליען אנגעלעגענהייטען, און ער האט זאגאר מיט איהר געמאכט א דייט זיך צו טרעפען מיט איהר אין זיין היים א גע־וויסען פריהמארגען; זי איז געקומען; זיי זיינען אפגערעדט און זיי האבען גערעדט פנים על פנים גאר ווי אין די טעג אלטע צייטען ווען זי האט געלעבט און געקאכט וועטשערע...

אין א שעהנעם פריהמארגען, דער־צעהלט רעווערענד דר. ראסעל ה. קאנוועל, ווען עס האט געשפראצט אויף טאג, און שטראהלען פון דער זוהן האבען שוין אנ־געהויבען צו באווייזען זיך אין פענסטער פון זיין בעדרום, האט ער געעפענט זיינע אויגען, און ער האט פאר זיך דערזעהן א פיגור זיצענדיג ביים ברעג פון זיין בעט נע־בען זיינע פיס, פונקט אזוי ווי זי פלעגט זיצען ווערענד זי האט געלעבט אין דער צייט ווען ער איז געווען קראנק. אנפאנגס איז ער געווען שטארק איבערראשט. א ווייבעל זיצט אויף זיין בעט... אבער, ווען ער האט זיך צוגעקוקט גוט צו איהר, האט ער דערקענט אין דער פיגור זיין פרוי, וועלכע איז שוין גאנץ לאנג צוריק גע־שטארבען. איז איהם געווארען לייכטער אויפ'ן הארצען. זי איז געווען אנגעטאן פונקט ווי ווען זי האט געלעבט, און זי האט געשמייכעלט צו איהם... דער שמיי־כעל איז געווען ניט ווי פון א מת, נאר ווי פון א ריכטיגע ווייבעל... אנפאנגס האט ער געמיינט, אז די פיגור איז ניט מעהר ווי א פראדוקט פון זיין פאנטאזיע, אבער, ער האט שפעטער אויסגעפונען אז ער האט געהאט א טעות, ווייל, ווען ער האט גע־דענקט אז זי איז ניט מעהר ווי א גייסט פון זיין פאנטאזיע, האט ער איינגענוריעט זיין פנים אין קישען און ער האט געמאכט א פארזוך צוריק איינצושלאפען. ער האט עס אבער ניט געקענט; ווען ער האט זיינע אויגען ווידער געעפענט, האט ער זיין פרוי ווידער דערזעהן זיצענדיג ווי פריהער. ער האט זיך דאן אוועקגעזעצט, און ער האט איהר געפרעגט:

„דאס־ביסטו, סערקעלע?"

זי האט ניט געענטפערט, און זי איז דאן פארשוואונדען. דעם צווייטען פריה־מארגען איז זי ווידער געקומען, און זי האט שוין זיך מיט איהם איבערגעבעטען, זי האט גערעדט צו איהם; זי האט איהם דערצעהלט געוויסע זאכען וועגען פאמי־ליען אנגעלעגענהייטען; זי האט איהם געראטען אז ער זאל צוטיילען די דזשולע־רי איהרע, און זי האט איהם געזאגט, נאכ־דעם ווי ער האט איהר געפרעגט, וואו עס געפינען זיך זיינע געוויסע פאפירען, וועל־כע זיינען פארשוואונדען געווארען נאך מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק. לויט די פארזיכערונג פון דעם דאקטאר און רעווערענד, האט זי איהם ערקלערט וועגען זייער טאכטער וועלכע איז שוין לאנג צו־ריק געשטארבען.

„איז אונזער טאכטער מיט דיר?" — האט ער איהר געפרעגט. „און וואס מאכט זי?".

זי האט געזאגט אז זי איז גליקליך...

צוואנציג פריהמארגענס איז זי אזוי געקומען, און זיי האבען זיך גאנץ פיין פארבראכט צוזאמען. זי האט זאגאר ארויסגעזאגט אז זי איז טויטערהייט א גוטע שוויגער, ווייל זי האט אויסגעדריקט גרויס צופרידענהייט דערמיט וואס זי האט זיך דערוואוסט אז זייער טאכטער אנ־נעס'עס מאן האט ווידער געהייראט און אז ער האט געטאן א גוטען שידוך..

איז דאס ווייניג באוויז, אז אונזערע פילאדעלפיער מתים לעבען? וועט איהר דאך מסתמא זאגען: אז לויט דעם אידישען דין מוז מען האבען צוויי עדות אום צו באשטעטיגען א פאסירונג?... וועל, מיר האבען מעהר ווי צוויי עדות...

פאראנען ביי אונז א ביזנעס מאן, א א. שראם, וועלכער האט זיין געשעפט אין די עלפטע און סענסאם סטריט. ער איז נאך א לעבעדיגער עדות אז פילאדעלפיער מתים זיינען גאר קיין ריכטיגע מתים ניט... מיט עטליכע יאהר צוריק, דערצעהלט ער, איז צוויי א זייגער ביי נאכט, געקומען צו איהם — ניט קיין ווייבעל, נאר א מאן. מיינט איהר דאך אפשר אז ער איז געווען א גנב, אדער א רויבער, וועלכער איז גע־קומען איהם מאכען ארימער? ניין, דאס איז געווען א מת, א גייסט אזא; גע־קליידעט איז דער מאן געווען ווי אלע מענ־שען. ער האט געטראגען א שווארצע בארד, וועלכע איז שוין געווען דורכגע־וועבט מיט ווייסע האר; האט געטראגען א שווארצע ווייכע העט, א שווארצען סוט און ער האט געטראגען א שמייכעל אויף זיין פנים... דער מאן, דערצעהלט מר. שראם, האט איהם געטראגען זיין רעכטע האנט אנטקעגען, און ער האט איהם אנ־געבאטען „שלום עליכם", אבער ער, שראם, הייסט עס, האט זיך ענטזאגט איהם די האנט צו געבען. דער מאן איז אלץ נעהנ־טער צוגעקומען צו איהם, און — דער ביז־נעס מאן האט זיך געטראכט: וואס קען מען צולייגען דערצו ווען איך וועל איהם טאקע געבען די האנט? מען מוז דאך זיין א דזשענטלמען אפילו צו איינעם וועלכער איז שוין א מעמבער פון א בית עולם... האט ער איהם אלזא די האנט גע־געבען, אבער, האלטענדיג זיין האנט, האט ער נאר קיין האנט ניט געפיהלט... עפעס א מאדנע האנט איז דאס געווען; ניט געווען קיין ברעקעל קערפערליכעס אין דעם...

שפעטער, דערצעהלט דערזעלבער, האט ער זיך דערוואוסט אז אזא מאן האט טאקע אמאל געלעבט אין שטאדט, אבער ער האט איהם ניט געקענט... אלזא, ווידער א מת וואס לעבט, און — אויך א פילא־דעלפיער....

איז דאס נאך ווייניג? — קומט א דריטער, און גאר ניט קיין ספרינג טשיקען, און פארזיכערט, אז מיט א קורצע צייט צוריק איז זיין ווייב, מיט וועלכער ער האט געלעבט גאנצע פופציג יאהר, געקו־מען צו איהם אין בעדרום, און זי האט צו איהם געשמייכעלט. מילא, דעם שמייכעל פון דיעזע אלטיטשקע איז איהם ניטא וואס מקנא צו זיין, אבער זי איז געקומען צו איהם, און זי האט אויף איהם געקוקט ווי אלע מענשען; זי איז געווען אנגע־טאן ווי ווען זי האט געלעבט, און — זי איז אויך א פילאדעלפיער....

נו, דארפט איהר נאך האבען בעסערע באווייזע אז אפילו די פילאדעלפיער מתים זיינען ניט קיין פארשלאפענע באשעפע־נישען... אפילו אונזערע מתים זיינען לע־בעדיגער ווי מאנכע ניו יארקער העלדען, וועלכע באריהמען זיך אזוי שטארק מיט זייער לעבעדיגקייט... איצטער קענט איהר שוין פארשטעהן ווי אזוי אונזערע נאך ניט פארשטארבענע פילאדעלפיער זיינען ניט פארשלאפען...

קען זיך ניו יארק באריהמען דערמיט? א נעכטיגער טאג!

אמת, איך האב ניט איינמאל שוין געלעזען אז א פרוי איז געקומען צו גאסט ביי נאכט צו א ניו יארקער מאן, אבער, יענע פרויען זיינען געווען גאנץ ווייט פון צו זיין מתים; זיי זיינען געווען ווייבלאך וועלכע האבען זייערע אייגענע מענער פארלאזען און זיי האבען זיך פארליעבט אין די צו וועלכע זיי זיינען געקומען, אבער אז טויטע ווייבער זאלען קומען צו זייערע מענער — דאס קענען נאר פילאדעלפיער...

אבער די געשיכטע, וועלכע דר. קאנ־וועל האט דערצעהלט וועגען זיין אידענע און דאס וואס די אנדערע צוויי האבען דער־צעהלט, האט אפשר ביי מאנכע אפיקורסים געקענט ארויסרופען א שמייכעל. אין פי־לאדעלפיא זיינען אבער די אפיקורסים גאנץ קליין אין צאהל... די מייסטע זיי־נען מענשען וועלכע גלויבען אין אלץ וואס מען דערצעהלט זיי, און צווישען א סך פון דיעזע האט אויסגעבראכען א היסטעריק; זיי זיינען געווארען טויט דערשראקען, ווייל אויב טויטע ווייבער קענען קומען צו־ריק צו מענער, אדער, אין אנדערע ווער־טער: אויב טויטע ווייבער לעבען גאר, קענען זיי דאך אויך קומען צוריק צו אלע־מען... שרעקען זיך פיעלע, ווי מען זאגט, אט פאר דיזען קומען... ווען זייערע וויי־בער זיינען אפגעשטארבען, האבען זיי גע־דאנקט גאט וואס זיי וועלען ענדליך קע־נען טאן פיינע שידוכים מיט מיידלאך, אדער ווייבלאך צו וועלכע זייערע הערצער האבען געצויגען אזוי ווי א גוטער זענעפט נאך דאן ווען זייערע ווייבער האבען נאך געלעבט... יעצט אבער, טאמער קומען זיי? עס וועט אויסברעכען א גוואלדיגע אייפערזוכט צווישען די טויט־לעבעדיגע און לעבעדיגע ווייבער, און פון אזעלכע זא־כען קען קיינמאל קיין גוטס ניט ארויס־קומען....

אונזער שטאדט רעגירונג, זאגט מען, איז שטארק באזארגט וועגען דעם... זי האט מורא אז דער שרעק פאר די פילאדעלפיער טויט־לעבעדיגע ווייבער וועט מאכען מענ־שען אנטלויפען חתונה האבען. מיט ניו יארקער ווייבלעך, וועלכע זיינען טויט ווען זיי שטארבען און וועלכע קומען שוין מעהר ניט צוריק פון יענער וועלט... נאך מעהר: אין ניו יארק געפינען זיך א גאנץ גרויסע צאהל ווייבער וועלכע קענען זייערע מע־נער ניט אנקוקען אפילו ווען זיי לעבען, וועלען זיי נאך קומען צו זיי טויטערהייט... נאסער!

ווי איהר זעהט איז זיך ווירקליך דא וואס צו שרעקען פאר א מאסען אויסוואנ־דערונג פון פילאדעלפיער יונגע לייטלאך נאך ניו יארק....

און אז מיר רעדען שוין וועגען לעבע־דיגע מענשען, דאן קען מען שוין פארביי־געהן א גאנץ אינטערעסאנטען פאל וואס האט פאסירט מיט אונזערע שטאדט טא־טעס, אדער סיטי קאונסיליוט, וועלכע האלטען זיך שוין אין געזעגענען מיט זייע־רע דזשאבס... דיעזע חברה'לייט ווייסען אז זיי האבען נארניט אויפגעטאן פאר דער באפעלקערונג פאר דער צייט ווען זיי זיי־נען אין זייערע עמטער געווען; זיי וויי־סען אז ניט זיי זיינען געווען די יעניגע וועמען די פילאדעלפיער באפעלקערונג האט ניט נעדארפט אנפארטרויען איהרע אינטערעסען. אזוי ווי אבער זיי האלטען יעצט אין ארויסגעהן פון סיטי האל, און זיי ווילען דאך קריגען „אנערקענונג", הא־בען זיי געטאן גאר א קליינינקייט: ווי־סענדיג אז די איינוואוינער וועלען זיי קיין דאנק ניט געבען, ווייל עס קומט זיי ניט, האבען זיי באשלאסען צו פעסען א רעזאלו־ציאן אז די שטאדט זאל זיי געבען א באנ־קעט אלס אנערקענונג... זיי זיינען דאך די געזעץ מאכער, האבען זיי דיעזען ביל דורכגעפיהרט. די געשיכטע וואלט דער שטאדט געקאסט איבער דריי טויזענד דא־לאר, און דאס האט אויפגערעגט די גאנ־צע שטאדט, אויסער די לומפיגע פאליטי־שענס. דער סיטי מעיאר האט פארשטא־נען די געשיכטע איז שוין אוועק צו ווייט, און ער האט ארויפגעלייגט זיין „וועטא" אויף דיעזער רעזאלוציאן... זיינען די סי־טי קאונסילס געווארן שטארק אין כעס אויף דעם מעיאר, און אויף די יעניגע וועלכע האבען פראטעסטירט געגען זייער שענדליכער האנדלונג, און — זיי זיינען איינגעפאלען אויף א בעסערען פלאן, זיי האבען געמליך באשלאסען אז צו זיי זא־לען געהערען די דעסקס און די שטוהלען וועלכע באלאנגען צום שטאדט און וועלכע זיי האבען געברויכט פאר דער צייט וואס זיי זיינען געווען אין די עמטער... אויב איהר מיינט דיעזע מתנה וועלכע זיי הא־בען זיך אליין געגעבען איז א קליינע, מאכט איהר א טעות; די געשיכטע דארף דער שטאדט קאסטען איבער דרייסיג טוי־זענד דאלאר, און — ווידער האט אויסגע־בראכען א טומעל צווישען דער באפעלקע־רונג וועגען דעם, און עס איז העכסט ווא־שיינליך אז מען וועט ארויסנעמען אן אינ־דזשאנקשאן געגען אונזערע שטאדט טא־טעס אז זיי זאלען דיעזען עפענטליכען רויב ניט קענען מאכען.

ווי אזוי אבער עס וועט זיין — זיכער איז איין זאך: אונזערע פילאדעלפיער פאליטישענס, די אויסערוועהלטע „פון פאלק" זיינען גארניט קיין פארשלאפענע מענשען; זיי קענען זעהן זאכען אין פאראויס... זיי האבען געוואוסט אז זיי האבען קיין מתנות ניט פארדיענט, און אז מען וועט זיי קיין מתנות ניט געבען, האבען זיי זיך געוואלט מיט מתנות אליין פארזארגען....

אפשר ניט קיין שעהנע מעשה'לע?....

די לעצטע פאסירונגען אין דער טשילדרענס דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50

פון ה. גרינבערג.

ווי האלט עס איצט אין דער טשילד־רענס דרעס אינדוסטריע?

די מיטגלידער פון אונזער לאקאל יו־ניאן איז גוט באקאנט וואס ביי אונז איז פארגעקומען זינט דעם 19טען דזשון, 1919.

א וויכטיגע פאסירונג איז געווען אין אונזער יוניאן, וואס די מאנופעקטשורערס אסס'ן האט אפגעבראכען דעם קאלעק־טיווען אגרימענט. א דאנק דעם וואס אונ־זער יוניאן שטעהט אויף אזא פעסטען בא־דען האט דאס אונז גאר ניט געשאדט. מיר האבען פארטגעזעצט אונזערע פארהאנד־לונגע מיט יעדען מאנופעקטשורער בא־זונדער און דער רעזולטאט איז גאר ניט קיין שלעכטער.

אין מאנאט נאוועמבער האט די בא־סעס אסאסיאיישאן זיך געווענדעט אין קאורט נאך אן „אינדזשאנקשאן", צו פאר־ווערען אונזער יוניאן רופען סטרייקס אין די שעפער פון די מיטגלידער פון דער אסס'ן און זייערע קאנטראקטארס. דער אינדזשאנקשאן איז פארלאנגט געווארען ניט נאר בלויז געגען לאקאל 50 אליין, זאנ־דערן אויך געגען דעם קאטער לאקאל 10 און געגען דער גאנצער אינטערנעשאנאל. דאס האט אונז אבער ניט אפגעשראקען, מיר זיינען ווייטער אנגעגאנגען מיט [illegible] ארבייט, גראדע ווי עס וואלט גארניט פא־סירט. דער רעזולטאט איז געווען, דאס אין אנפאנג דעצעמבער האט די אסס'ן פארלאנגט מיר זאלען קומען מיט זיי צו א קאנפערענץ. פרעזידענט שלעזינגער און גענאסע מאיר לאנדאן זיינען אויך אנ־וועזענד געווען אויף יענער קאנפערענץ. עס איז דעמאלט באשלאסען געווארען איינ־צורופען א צווייטען קאנפערענץ צו זעהען אויב עס איז ניט מעגליך צו קומען צו אן איינפארשטענדניס אויף ווייטער. דאס האט אבער ניט פאסירט.

די ערשטע שטערונג צו דעם איז גע־ווען, וואס די מאנופעקטשורערס אסס'ן האט אזעלכע מיטגליעדער, וועלכע האלטען אויף ניט קיין יוניאן שעפער. זיי האבען באשעפטיגט ניט יוניאן ארבייטער, ניט אכטענדיג וואס דער אגרימענט וואס מיר האבען געהאט מיט זייער אסס'ן האט פאר־געשריבען אז זיי דארפען געבען א פארצוג צו יוניאן־ארבייטער. מיר זיינען געקומען צום שלום, דאס אום צו קענען אויפהאלטען פריינדליכע באציהונגען צווישען דער יו־ניאן און זייער אסס'ן, מוז דיעזער צו־שטאנד איין מאל פאר אלע מאל אפגע־שאפט ווערען. און א חוץ דעם זיינען גע־ווען אויסצוגלייכען נאך אייניגע אנדערע וויכטיגע פונקטען, כדי עס זאלען קענען ווידער אויפגעהאלטען ווערען פריינדליכע באציהונגען צווישען ביידע צדדים.

דעם 26טען דעצעמבער, 1919, האט די אינטערנעשאנאל אנגעשטעלט גענ. מאיר לאנדאן אויפצוטרעטען פאר אונז אין קאורט אין באצוג דעם פארלאנגטען אינדזשאנקשאן. דאס איז פארגעקומען אין סופרים קאורט פאר ריכטער דייווים. דער ריכטער האט גלייך קיין ענטשיידונג ניט ארויסגעגעבען. אין פארלויף פון דער צייט זיינען ווידער אפגעהאלטען געווארען אייניגע קאנפערענצען צווישען די יוניאן און דער אסס'ן, אבער אהנע אירגענד וועל־כע רעזולטאטען.

דעם 6טען יאנואר, 1920, האט דזשאדזש דייווים ארויסגעגעבען אן ענט־שיידונג צו גונסטען פון אונזער יוניאן. ער האט צוריקגעוויזען דעם פארלאנג פון דער אסס'ן פאר אן אינדזשאנקשאן געגען אונזער יוניאן.

נאכדעם האבען זיך ווידער אנגעפאנ־גען קאנפערענצען צווישען ביידע צדדים. מיר האבען ארויסגעשטעלט נאך אנדערע פאדערונגען אין איינקלאנג מיט דער צייט און מען האט זיך גאר אויף דאס ניי אנ־געפאנגען דינגען זיך. מיר האבען געפא־דערט עטליכע געזעצליכע יום־טובים, א חוץ דעם איין טאג, עלעקשאן דעי, וואס מיר האבען שוין פריהער געהאט; מיר האבען געפאדערט א העכערונג אין שכירות און נאך אנדערע זאכען. די בעלי בתים זיינען אין אנפאנג געווען גאנץ איינגע־שפארט און אפילו ניט געוואלט הערען דערפון, זיי האבען אבער געמוזט ווייכער ווערען און דעם 7טען יאנואר זיינען מיר מיט זיי געקומען צו א פארשטענדניס, פאר א נייעם אגרימענט.

אט זיינען אייניגע פונקטען פון דעם נייעם אגרימענט:

1. אלע מאנופעקטשורער וואס זיינען מיטגלידער אין דער אסס'ן דארפען אויפ־האלטען יוניאן שעפער.
2. די ארבייטער אין דער אינדוסט־ריע זאלען אין 3 געזעצליכע יום טובים ניט ארבייטען און קריגען באצאהלט.
3. אלע ארבייטער אין דעם טרייד זאלען באקומען א העכערונג פון דריי דא־לאר א וואך אויף זייערע שכירות, און דאס

א געיעג נאך ליעבע

(ראמאן) פון פאלינא וואלמי

אידיש פון אברהם נירענבערג.

(פארטזעצונג)

אין דער נאטירליכער שטילקייט האט זיך נאכאמאל דער־הערט דאס סקריפען פון דער פארטקע. די אקושעריןן, אפנים, איז אוועק. די פארטקע האט א שטארקען קלאפ געטאן. די טריט פון מאדאם בעריל, וואס האט קוים געשלעפט די פיס, האבען זיך דערהערט גאנץ נאהענט. זי איז אריינגעקומען, זי איז צוגעגאנגען צו איהרע עלטערע טעכטער, וועלכע זיינען איינגע־בויגענערהייט געזעסען נעבען איבער דער קאמין; מעכאניש האט זי אריינגעווארפען א פאר קוילען. עס האט א פלאקער געטאן א פייער און באלייכטעט מיט זיין פלאם די פנים׳ער פון די דריי פרויען.

— אלץ איז געענדיגט; סעלינא רוהט; די איננערע פאר־נעהמען זיך מיט׳ן קינד... וואס זאלען מיר טאן, מארי־לואיז?

מיט א שולדיגען אויסדרוק אויף איהר פנים, האט מאדאם בעריל געוואלט ווייכער מאכען איהר טאכטער, ווייל זי האט גע־פיהלט אין דער טאכטער׳ס שווייגען א פאראורטיילונג. האט זי דען זיך איינגעהערט צו אלע ווערטער, וואס מארי־לואיז פלעגט צו איהר רעדען? האט זי דען גענוג אפגעהיט סעלינא׳ן??

— זאל מען נישט מארגען־פריה צוגעהן צו זשארזש׳ען?

די ארעמע פרוי האט אין גאנצען גענומען ציטערען ביי דעם בלויזען געדאנק פון דער דאזיגער באגעגעניש; גרויסע טרע־רען האבען פייכט געמאכט איהרע אויגען־דעקלעך, וועלכע הא־בען נים געהאט קיין וויהעס, וועלכע זיינען אויפגעגעסען גע־ווארען פון די ביטערע טרערען, וואס זי האט פארגאסען זייט זי איז געווארען אן אלמנה. וואס קען מען זיך העלפען! עס וועט אויסקומען דורכצולעבען נאך אן איבריגע באליידיגונג, נאך די גאנצע רייהע, וואס זי האט שוין דורכגעלעבט.

— ניין, — האט שטיל געענטפערט זשעני, — מיר דאכט זיך, אז מיט דיינע טרערען וועסטו קיין שום איינפלוס נים אויס־איבען אויף זשארזש׳ען!... דו וועסט זיך בלויז פארנאגדער־ווייטען, דאס אלץ!

— און דורך טרערען ווערט קיין זאך נים געלייזט, — האט מיט א בייזען בליק צוגעלייגט מארי־לואיז.

זי האט מיט דער האנד אונטערגעשפארט איהר קין; איבער איהר גאנצען פנים איז געווען צוגעסען אן אויסדרוק פון וויל־דען ווילען.

— טרערען רעגען אויף מענער, זיי מאכען אז זיי זאלען זיין נעגען אונז. עס טרעפט, אז זיי פיהלען זיך אמאל אונמעכטיג גע־גען א וויינענדיגער פרוי, וועלכער זיי וואגען נאך נים א קלאפ צו געבען... אבער זיי פאראכטען אונז, זיי זעהען אונזער שוואכ־קיים און טיילמאל באנוצען זיי זיך מיט איהר!

מארי־לואי האט גערעדט שארף; זי האט גערעדט מיט א דומפער שטימע פון וועלכער ענטוישונג איז ארויסגעוואקסען די ביטערע שנאה, וואס האט געקלונגען אין איהרע רייד, ביים ווארט „מאנספערשוין", וואס זי האט ארויסגעבראכט מיט אן אונערקלערבארער טרויעריגער פאראכטונג.

— איך וועל מארגען פריה אפווארטען זשארזש׳ען, — האט זי קלאר ארויסגערעדט.

— שרעק איהם נים, מארי־לואיז!

א גוטמוטיגע, ווי שטענדיג, האט מאדאם בעריל געקוקט אויף דער טאכטער, מורא האבענדיג פאר א צו שארפען ארויס־טרים.

— אבער איך קלייב זיך פארט איהר גארנישט צו מאכען קיינע קאמפלימענטען!

— מען דארף זיין גערעכט... סעלינא איז צוויי און צוואנ־ציג יאהר, זשארזש׳ן ווידער, דאכט זיך, איז איין און צוואנציג. ווי קען מען איהם באשולדיגען אין פארגוואלטיגונג?

מארי־לואיז האט ארונטערגעלאזען דעם קאפ... עס איז געווען א ריכטיגע באמערקונג; צום ערשטען מאל האט מאדאם בעריל ארויסגעוויזען געזונטען פארשטאנד.

— זשעני האט אונטערגעהאלפען דער מוטער:

— געוויס האט ער זי מיט געוואלט נים גענומען!

— מענסט זיין זיכער, אז אויב ער האט נים וואס מורא צו האבען פאר אונז, וועט ער זיכער זיך ארויסגליטשען פון אונ־זערע הענד!... זאל דיר אפילו אויפ׳ן זינען נים קומען דער געדאנק, אז מענער טוען זייערע פליכטען, אז זיי הערען זיך צו צום קול פון געוויסען! גלויב מיר, אז מען זאל זיי דערצו נים צווינגען, וועלען זיי אלע מאל אנטלויפען, אויב עס מאכט זיך זיי נאר א געלעגענהייט.

— אך, מארי־לואיז, ווען דיין טאטע וואלט איצט געהערט דיינע רייד, ער וואס איז געווען די עהרליכקייט אליין!

מאדאם בעריל האט אבגעווישט איהר פארמאטערט, נאנער געזיכט און הויך אויסגעשנייצט זיך.

— ווען דער טאטע וואלט געלעבט, — האט אנגעהויבען מארי־לואיז... אבער זי האט נים געענדיגט.

— מארגען וועלען מיר דארפען געהן פארשרייבען דאס קינד, מארי־לואיז!

מארי־לואיז איז אזוי ווי פארזונקען געווארען אין א שלאף, אין וועלכען זי האט געזעהן חלומות פון איהר גליקליכער יוגענד. זשעני האט איהר א טרייסעל געטאן, זי האט איהר צוריקגע־בראכט צו דעם ווירקליכען לעבען.

— יא, האט זי ענטשלאסען געענטפערט. — מיר וועלען עס מארגען טאן. זשארזש וועט עס זיכער אנערקענען אלס זיין קינד... איך פארזיכער דיר אין דעם; אפילו ווען אונז זאל אויסקומען צו ברענגען איהם צושלעפען פאר די האר...

— מארי־לואיז, סעלינא וויל דיך זעהן.

אין אן אונגעהויער גרויסען פארטוך האט זיך ראזא דער־נעהנטערט צו די דריי פרויען.

— פיהלט זי זיך גוט? — האט א דערשראקענע געפרעגט מאדאם בעריל.

— פיעל בעסער פאר מיר, ווארים איך בין נאך אלץ אויפ־גערעגט; בעסער פאר לעאני, וועלכע פיהלט זיך דערשלאגען, בעסער פאר אונז אלעמען! זי איז אפילו נים פאראומערט. זי גלויבט, אז אלץ וועט זיך ענדיגען גוט.

— ווי ציניש!

— און די ליאלקע האבען מיר פארוויקעלט אין וואטע, וואס איך האב, צום גליק, געפונען ביי מיר אין שראנק. עס לאזט זיך אויס, אז עס איז א זיבעלע.

— איך האב אויך אזוי געמיינט, — האט דורך די צייהן ארויסגערעדט מארי־לואיז.

— זי איז אזא קליינינקע, אזא פיצעלע, אזא ליעבינקע! ווען זי שלאפט, פארשטעלט זי זיך די אויגעלעך מיט איהרע פויסטלעך, אזוי, ווי זי וואלט מורא געהאט אז מען געהט איהר טאן עפעס שלעכטס....

א באנייסטערטע האט זיך ראזא אויפגעהויבען אויף די טרעפ, געהענדיג פאראויס פאר די שוועסטער און דער מוי־טער.

לאכענדיג האט דאס יונגע מיידעל געעפענט פארזיכטיג די טיר.

אין אנפאנג האט מארי־לואיז דערזעהן בלויז סעלינא׳ן; איהר בלייכער פנים איז געווען כמעט דורכזיכטיג. די רוהיגע ליכטיגקייט, וואס האט געוועהט פון אט דעם הערליכען קאפ, וואס איז געווען באקרוינט מיט דונקעלע, שווערע האר, פון אט דעם רוהיגען פנים מיט די האלב־ארויפגעלאזטע וויהעס — הא־בען איהר דערמאנט איינע פון דע ווינטשע׳ס געטליכע בילדער. די יונגע מוטער האט האלב אין שלומער געווינט עפעס, וואס איז געווען פארוויקעלט אין ווייסער וואטע.

בלויז לעאני׳ס פלייצע האט מען געזעהן, אין דער לענג פון דער פלייצע איז געהאנגען איהר העל־גאלדענער צאפ. — זי האט געהאט אנגעשפארט דעם קאפ אין א גרויסען שראנק און געקליבען דארט פון די פאלקעס אלטע, ווייסע לייליכער.

— מען דארף געפינען אלץ, וואס איז נויטיג פאר א געלע־גער פאר אונזער יונגער פריילין, — האט זי געזאגט, צולייגענ־דיג אויפ׳ן טיש א גאנצען פאק מיט וועש.

— אט דאס דאזיגע קליינע נפש׳ל קעהרט דאך אום דאס הויז מיט די פיס ארויף! לאזט א גאנצע נאכט אונז נים שלא־פען, מאכט אונז פשוט פארריקט, אז מיר האבען שוין ממש קיין קעפ נים, און עס ארט איהר קיין האר נישט!

מארי־לואיז איז געשטאנען איבער׳ן קופערט און ארויסגע־נומען פון דארט העמדלעך און הייבלעך.

א שוויינענדיגע, נים באוועגענדיג זיך, איז מארי־לואיז געשטאנען פאר׳ן בעט און באקוקט דאס קליינע באשעפעניש, וואס האט זיך געווארפען אין סעלינא׳ס הענד; גייגעריג הא־בען זיך איבער׳ן קינד אריבערגעבויגען מאדאם בעריל און זשעני.

אזויפיעל געבעט האט אויסגעדריקט סעלינא׳ס בליק, אז מארי־לואיז האט געמוזט אוועקדרעהען דעם קאפ.

— ענטשולדיג מיר, מארי־לואיז, דאס איז געווען דער איינציגער מיטעל, וואס מיר איז איבערגעבליבען....

— וואס? דו האסט עס אומיסטען געטאן? — האט מיט ענטריסטונג געפרעגט מארי־לואיז.

— דו וועסט זעהן, אז עס וועט זיך אויסלאזען, אז איך בין געווען גערעכט... זשארזש האט מיך ליעב... אפשר נים שטארק גענוג, אז ער זאל פרייוויליג זיך פארבינדען מיט מיר אויף אייביג... איצט וועט זיין טעכטערל אונז דערנעהנטערען... זי וועט איהם צווינגען זיך אומקעהרען צו מיר... און, טיילווייז, אויך איהר...

סעלינא האט גערעדט מיט א שטילער און שוואכער שטי־מע; איהר בליק האט ערגעץ געבלאנזשעט אין דער ווייט, אין דער צוקונפט. מארי־לואיז האט מעהר נישט דערקענט אין איהר די פריהערדיגע סעלינא מיט די העזה׳דיגע מאנירען; אין איה־רע דונקעלע שווארץ־אפלען האט איצט געלויכטען נאר אן אנ־דער פייעריל.

(פארטזעצונג קומט)

ע.ו. באארד מיטינג פון לאקאל 25

א מיטינג פון׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער ליידים ווייסט און דרעסמייקערס יו־ניאן לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווא־רען דינסטאג אווענט, דעם 6טען יאנואר, 1920, אין בעטהאווען האל. ברודער ח. סילווערמאן, טשערמאן.

סעם באר, פרעסער פון דער לאורעל דרעס קא. (געוועזענע טריניטי דרעס קא.) באקלאגט זיך פאר׳ן עקזעקוטיוו באארד, אז זיין פירמע צאהלט איהם נים גענוג פאר זיין ארבייט. נאכדעם ווי ברודער וואסי־לעווסקי און בר. ווייס מאכען זייערע ער־קלערונגען וועגען דער פראגע ווערט בא־שלאסען די אנגעלעגענהייט איבערגעבען צום אפיס.

עס ווערט פארטגעזעצט די דיסקוסיע איבער דער רעקאמענדאציע פון׳ם אידי־שען ברענטש מיטינג צום עקזעקוטיוו באארד, אז אום צו באקענען די ברייטע מעמבערשיפ מיט דעם פלאן פון גרינדען א דזשאינט באארד אין אונזער אינדוסטריע מיט באזונדערע לאקאלען, זאל גערופען ווערען א מאססמיטינג פון אלע אונזערע מעמבערס, און אז נאכ׳ן מאססמיטינג זא־לען גערופען ווערען ברענטש מיטינגען, וואו די דאזיגע פראגע זאל גענומען ווערען צום אפשטימונג. נאך א לאנגער דיסקוסיע ווערט באשלאסען, אז אזא מאססמיטינג זאל גערופען ווערען, און זיין צוועק זאל זיין אויפצוקלערען אונזערע מעמבערס ווע־גען דעם פלאן פון א דזשאינט באארד. עס ווערט אויך אויסגעקליבען א קאמיטע, באשטעהענד פון די ברידער עהרליך, סיל־ווערבערג און לופין און די שוועסטער פע־קער און גאלדבערג, צו מאכען אלע נויטי־גע פארבערייטונגען צום מאססמיטינג און אויסארבייטען דעם פלאן פון זיין אנפיה־רונג. דער פלאן זאל פון דער קאמיטע צוגעשטעלט ווערען צו דער נעקסטער זי־צונג פון׳ם עקזעקוטיוו באארד. די פרא־גע וועגען רופען ברענטש מיטינגען צו שטימען איבער דעם פלאן פון א דזשאינט באארד, אדער צו די דזשאינט באארד פראגע זאל איבערגעגעבען ווערען צו די מעמבערס דורך א רעפערענדום — דאס איז אפגעלעגט געווארען צום נעקסטען עקז. באארד מיטינג.

עס ווערען דאן אויפגענומען און פאר־האנדעלט מעהרערע אנדערע פראגען ווע־גען די ווייטערע ארבייטען און אויפגאבען פון דער יוניאן אין באצוג צו די אלע עק־זיסטירענדע טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען, און איינינע פון זיי בלייבען אי־בער צום נעקסטען עקזעקוטיוו באארד מי־טינג.

י. שעהנהאלץ, סעק.

א רעזאלוציאן פון די ארבייטער פון ראזען און ליפקין.

ביי א גוט באזוכטען מיטינג האבען מיר אנגענומען א רעזאלוציאן צו באדאנ־קען אונזער געוועזענעם שאפ טשערמאן, ברודער מאקסים קאווינסקי, פאר זיין גו־טע און איבערגעבענע ארבייט פאר יעדען איינעם אין שאפ. און אלס אנערקענונג פרעזענטירען מיר איהם מיט א בוק־קייס און ביכער פאר דער סומע פון 105 דא־לאר. און מיר האפען דאס אויך אויף ווייטער וועט ברודער מ. קאווינסקי העל־פען טאן דאס בעסטע וואס ער קען, דאס דער שאפ זאל זיך שטענדיג געפינען אין דיזעלבע יוניאן קאנדישאנס ווי ער איז געווען ביז יעצט.

מיט טרייד־יוניאניסטישען גרוס,
א. קאמפ, א. גאלוב, הורעוויטץ,
מ. שייקע, די קאמיטע.

א דאנק רעזאלוציע.

מיר די ארבייטער פון שניידער און באושלעוויצעס שאפ, 208 גרין סטריט, דאנקען אונזער ביזנעס איידזשענט ארא־סקי און אנערקענען זיין גוטע ארבייט, וואס ער האט געלייסטעט פאר אונזער שאפ. אויך האבען מיר איהם פרעזענטירט מיט א גאלד וואטש און טשיין.

רעזאלוציאנס קאמיטע,
פינקוס,
האגאוועטסקי,
פלאהם, טשערמאן.

אנערקענונג פאר גוטע ארבייט

די ארבייטער פון ניו־פארט קאסטיום, א שאפ פון ל. 25, האבען פרעזענטירט זייער טשערליידי איידא גרינבלאט און אסיסטענט טשערליידי מעריע דעליוויא, מיט ווערטהפולע פרעזענטען, אלס אויס־דרוק פון אנערקענונג פאר זייער גוטער און איבערגעבענער ארבייט פאר די איני־[illegible] פון די ארבייטער פון זייער שאפ.

די רעאקציע און די נאציאנאלע וואהלען

פון נ. בוכוואלד.

דעם יאהר, מעהר ווי אלע מאל, איז דער ראדיקאלער אינטעליגענטער בירגער גלייכגילטיג צו דעם גערודער אין די פאליטישע קרייזען איבער די קומענדע פרעזידענט־וואהלען. עס איז א שמערצליכע, אנגעווענטאגטע גלייכגילטיגקייט. די אויסזיכטען זייגען אזוי שווארץ, די האפנונגען אזוי קליין, אז עס ווילט זיך ניט נאהענט צוצוקוקען צו דער העסליכער קאמעדיע, וואס ווערט איצט אפגעשפיעלט סיי אין דעם דעמאקראטישען און סיי אין דעם רעפובליקאנישען לאגער. דאס ביסעל אמונה אין די אלע פארטייען, און די פארשפרעכענגס פון זייערע פארשטעהער איז פארשוואונדען מיט דעם גרויזאמען פארראט, מיט דער שרעקליכער ענטוישונג, וואס איז פאראורזאכט געווארען פון דעם גרעסטען אמעריקאנעם פאליטישען פון אלע ציימען — וואודראו ווילסאן. די גלויבינגע ראדיקאלען וואס זיינען אין 1916 מיטגעריסען געווארען פון דעם ווילסאן היפנאז, און וואס זיינען פארבליבען אונטער דעם דאזיגען היפנאז אין פארלויף פון גאנצע צוויי יאהר, פראווען איצט א טרויער־סעודה איבער זייערע האפנונגען, איבער זייער גלויבען אין ווילסאן'ס אידעאלען, איבער זייער גלויבען אין פאליטישע פראפעטען און ערלעזער.

און וואלט אפילו געקומען איצט נאך א פלינקערער, נאך א געשיקטערער פאלשער משיח ווי וואודראו ווילסאן, וואלטען די ראדיקאלע בירגער, ניין, אלע דענקענדע בירגער, געבליבען פונקט אזוי טרויעריג־גלייכגילטיג, פונקט אזוי ציניש־ענטוישט, ווי זיי זיינען איצט, ווען אויף דעם פאליטישען האריזאנט זעהט מען אזעלכע פיגורען פון פרעזידענטען־קאנדידאטען ווי אטארני דזשענעראל פאלמער, גאווערנאר קולידזש, לעאנארד וואוד און זייער גלייכען.

וואס אנבאלאנגט רעזולטאטען מעגען די בירגער אודאי זיין גלייכגילטיג, ווייל דער אויסגאנג פון די צוויי נאציאנאלע וואהלען וועט אויף א האר ניט פארענדערען די אלגעמיינע פאליטיק פון דער פעדעראלער רעגירונג. די רעאקציע וועט נאמינירען און ערוועהלען איהרע קאנדידאטען — צי זיי וועלען זיין דעמאקראטען צי רעפובליקאנער. די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון לאנד וועט פארפאלגט ווערען אונטער סיי־וועלכער רעגירונג — צי די נעקסטע אדמיניסטראציע וועט זיין א רעפובליקאנישע צי א דעמאקראטישע. דער יקרות קען ניט און וועט ניט אפגעשטעלט ווערען דורך א געזעץ, און די נעקסטע אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן וועט פונקט אזוי פיעל אויפטאן אויף דעם דאזיגען געביעט, ווי די איצטיגע האט אויפגעטאן. די פונדאמענטאלע פרייהייטען פון לאנד ווערען איצט געטראטען מיט די פיס פון דער דעמאקראטישער אדמיניסטראציע, און — אורטיילענדיג פון די פרעטענדענטען אויף דער רעפובליקאנער קאנדידאטור — וועלען זיי פארשוועכט און פארגוואלדיגט ווערען אויך פון א רעפובליקאנישער אדמיניסטראציע. אין דער אויסערליכער פאליטיק וועט אמעריקא פארבלייבען „דער גרעסטער קאפיטאליסט אין דער וועלט" אונאפהענגיג פון פארטיי־זיעגען.

דאך זיינען די קומענדע וואהלען פון גרויס אינטערעס פאר די וואס ווילען שטודירען דאס פאליטישע לעבען פון לאנד. וואס, וואס, אבער לערנען קען מען געוויס א סך פון א נאציאנאל־וואהל־קאמפיין און באזונדערס פון דעם קומענדען קאמפיין. און שוין איצט, ווען דער קאמפיין איז נאך אין זיינע ערשטע שטופען, ווען ער געהט נאך אן אין די הינטער־חדרים פון די פאליטישע קלובען, קען מען אויפמערקזאמער בעאבאכטער זעהן פיעלע אינטערעסאנטע זאכען. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאגען, אז יעדער פאליטישער צוג, וואס ווערט געמאכט אין לאנד, אז יעדע וויכטיגע ערשיינונג פון געזעלשאפטליכען לעבען איז דירעקט פארבונדען מיט די פארשטעהענדע פרעזידענט־וואהלען. פאר א געניט אויג איז עס קיין ספק ניט, צום ביישפיעל, אז די וואקכאנאליע פון „רוים־יאגעניש" איז דירעקט פארבונדען מיט פאלמער'ס אמביציע צו זיין דער נעקסטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען; אז די גרינדונג פון א נייער טעגליכער צייטונג ביי אונז אין נאס איז פארבונדען מיט די שיקזאלען פון א געוויסער פאליטישער פארטיי, אדער זאגאר פון געוויסע פערזאנען פון א געוויסער פארטיי; אז א געוויסע ענגלישע צייטונג האט צוגעצויגען צו איהר סטעף א באוואוסטען ראדיקאל און ארבייטער־פריינד כדי ריינצוואשען דעם דעמאקראטישען „לייבאר רעקארד".

פון דער אנדערער זייט זיינען די פארשיעדענע פרעזידענטען־בומס און „בומלעטס" אן אפשפיגלונג פון דער צייט, א רעזולטאט פון די פאראנדערונגען אין דעם פאליטישען און אינדוסטריעלען לעבען. די ווירקונג איז א געגענזייטיגע. די אמביציעס פון געוויסע פאליטישענס, וועלכע פארטרעטען געוויסע גרופען קאפיטאליסטען, איבען אוים אן איינפלוס אויף דער טאג־טעגליכער האנדלונג פון דער אדמיניסטראציע אין אלע איהרע צווייגען, לעגען אוועק א געוויסען שטעמפעל אויף דער אינערליכער פאליטיק, האלטען אפ אדער טרייבען אונטער פארשיעדענע אוואנטורעס אין געזעצגעבונג א. ז. וו. פון דער אנדערער זייט אבער ווערען די דאזיגע אמביציעס געבוירען פון די פאליטישע און אינדוסטריעלע געשעהענישען פון לאנד. קולידזש וואלט ניט געטרוימט, אז זיין נאמען זאל זאגאר דערמאנט ווערען אין פארבינדונג מיט דער פרעזידענטען־קאנדידאטור, ווען ניט דער באסטאנער פאליציי־סטרייק, וועלכען ער האט אזוי ברוטאל דערשטיקט. גענעראל לעאנארד וואוד וואלט געהאט נאר קליינע שאנסען נאמינירט צו ווערען אלס דער רעפובליקאנער קאנדידאט, ווען ער וואלט ניט געווען נעקראגען די געלעגענהייט זיך „באריהמט" צו מאכען מיט זיינע ריענסמען אלס „ארדנונגס־היטער" אין די שטאל־סטרייק געגענדען. פאלמער איז נאר א קליינע פערזענליכקייט אין פאליטיק, און בלויז זיין פאררעטערישע פאליטיק געגען די קוילען־מייגערס און איצט זיינע וואהנזיניגע פארפאלגונגען פון ראדיקאלען האבען איהם געמאכט פאסענד פאר „פרעזידענטען־נעהילץ".

אבער די אמביציעס פון איינצעלנע פערזאנען זיינען בלויז דער קאנקרעטער אויסדרוק פון באשטימטע פאליטיש־עקאנאמישע אינטערעסען פאר פארשיעדענע גרופען. גישט די קולידזשעס און גישט די פאלמערס „מאכען פאליטיק" אין לאנד, נאר די גרופען, וועלכע שטעלען ארוים די קולידזשעס און די פאלמערס אלס זייערע ווארט־פיהרער. עס איז דעריבער אינטערעסאנט זיך נעהנטער צוצוקוקען צו די ווירקליכע פאקטארען, וואס קירעווען די צוויי גרויסע פארטייען אין זייער אויסוואהל פון קאנדידאטען פאר גרעסערע און קלענערע עמטער.

דער טריאומף פון דער רעאקציע האט [illegible] ביידע פארטייען: אויסצוואוועהלען קאנדידאטען און אויסצוארבייטען פלאטפארמען, וואס וועלען ניט [illegible] מען צווייפעל, אז מען וועט די ליבעראלע עלעמענטען פון לאנד ניט לאזען אויפהויבען דעם קאפ, און צו דער זעלבער צייט מאכען די קאנדידאטען און די פלאטפארמען אזוי אנציהענד, אז זיי זאלען קענען ערפאלגרייך קאקעטירען מיט די ארבייטער מאסען, מיט די אינדוסטריעלע ארבייטער אזוי גוט ווי מיט די פארמערס, און קריגען זייערע שטימען. ביז צו א געוויסען גראד איז דאס אן אלטע פאר־עלעקשאן פראבלעם, ווייל ביידע גרויסע פארטייען האבען צו יעדער צייט פריהער גענומען אין אנבאטראכט די אינטערעסען פון די גרופען פון גרויס־קאפיטאל און אויך פון די קליין־פארמעגליכע עלעמענטען, און דערנאך געזוכט צו פארבלענדען די ארבייטער די אויגען. אבער אין פריהערדיגע קאמפיינס איז ניט געווען נויטיג צו אונטערשטרייכען די איבערגעבענהייט צו דער רעאקציע, צו אינטאלעראנץ, צו פרייהייט־פרעסעריי. פארקעהרט, עס איז געווען א מנהג צו קא[illegible]רען מיט אזעלכע זאכען. איצט אבער, ווען די רעגירונג איז אוועקגעגאנגען אויף דעם וועג פון רעאקציע ווייטער, ווי די ווילדסטע פינסטערלינגען האבען געוואגט צו טרוימען מיט צוויי־דריי יאהר צוריק, ווען גרופען ביזנעסלייט נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע צו פלאנעווען און אויספיהרען אבלאוועס אויף ראדיקאלען און טוען דאס אפען, און באריהמען זיך אין דער פרעסע, אז זיי האבען געקראגען די „מיטווירקונג" פון דער וואשינגטאנער רעגירונג, איצט ווען די פרעסע פון לאנד פיהרט אן א בארבארישען, קאניבאלישען געיעג אויף אלעס, וואס איז פראגרעסיוו, און אויף די ארבייטער יוניאנס נאך מעהר ווי אויף די אויסגעשפראכענע „רויטע" — איצט איז עס אבסאלוט נויטיג פאר א „פראקטישע" פאליטישען צו טראגען די עמבלעם פון דער רעאקציע — „געזעץ און ארדנונג", „הונדערט פראצענט אמעריקאניזם", פון פארענט, אזוי אז אלע זאלען זי קענען באמערקען אהן שוועריקייטען.

אויף דעם דאזיגען געביעט זיינען די דעמאקראטען און די רעפובליקאנער אין דער זעלבער לאגע. די כחות, וואס קירעווען ביידע פארטייען, וועלען חלילה ניט דערלאזען, אז מען זאל מאכען א פארטיי־אישו פון אט די גרונד־פרינציפען פון רעאקציע. „דער גרעסטער קאפיטאליסט אין דער וועלט" מוז קודם כל זעהן, אז זיינע קאפיטאלען זיינען געזיכערט געגען אנגריף פון איטוועניג — צי דער אנגריף ווערט געמאכט אין דער פארם פון פראפאגאנדא געגען קאפיטאליזם אין אלגעמיין צי אין דער ווייניגער רעוואלוציאנערער אבער פיעל ווירקזאמער פארם פון די דירעקטע עקאנאמישע פאדערונגען, וואס גרויסע און קליינע ארבייטער־ארגאניזאציעס שטעלען ארויס. די פיהרער פון ביידע פארטייען האבען עפענטליך ערקלעהרט, אז זיי וועלען ניט זוכען צו מאכען קיין פארטיי־אישו פון „געזעץ און ארדנונג" און „הונדערט פראצענט אמעריקאניזם", ווייל אויף דער דאזיגער אישו וועט עס זיין אונמעגליך פאר איין פארטיי צו „ביטען" די אנדערע.

אלזא, דער קאנדידאט פאר פרעזידענט און אנדערע קלענערע קאנדידאטען פון ביידע פארטייען מוזען און וועלען זיין רעאקציאנערען — דאס איז גאנץ זיכער. אבער זיי דארפען צו דער זעלבער צייט אויך קענען ערפאלגרייך קאקעטירען מיט די פראגרעסיווע עלעמענטען, און דאס איז שוין גארניט אזוי גרינג. מען קען דאך ניט פארטיידיגען די אינדזשאנקשאנס געגען סטרייקס און פאראדירען אלס ארבייטער פריינד; מען קען דאך ניט ווידערהאלען די וויסענשאפטליך־געפלאצטע באהויפטונג, אז די העכערע וויידזשעס זיינען פאראנטווארטליך פאר דעם יקרות און זיך ערקלעהרען פאר פריינד און אנהענגער פון ארבייטער־יוניאנס. מען קען דאך ניט טראגען די הפקר עמבלעם און פאראדירען אלס פארטיידיגער פון די פרייהייטען פון לאנד — אזעלכע זאכען פארען זיך ניט, אזעלכע זאכען קען מען ניט צוזאמענמישען.

און די פאליטישענס האבען טאקע א שווערען דזשאב פאר זיך. מען דארף מיט א מאל אויסזעהן אי ווייס אי שווארץ, אי פראגרעסיוו אי רעאקציאנער, אי טראסט פריינדליך אי ארבייטער פריינדליך. דערווייל האט זיך דאס נאך קיינעם פון זיי ניט איינגעגעבען. ווילסאן האט אין זיין לעצטען מעסעדזש געפרואווט דאס צו טאן, אבער ערשטענס איז ווילסאן שוין אויסגעשפיעלט און צווייטענס האט אפילו אט דער פאליטישער צויבערער גארנישט ניט אויפגעטאן מיט זיין לעצטען מעסעדזש, און ביידע צדדים — די ארבייטער און קאפיטאליסטען — האבען זיך אויף איהם געבייזערט.

די מלחמה און די מלחמה־פסיכאלאגיע זיינען אויך וויכטיגע פאקטארען אין דעם פאר־קעמפיין גערודער, און מיר וועלען זיך אויף זיי געוויס אפשטעלען א צווייטען מאל.

מען צעהלט!

(פעליעטאן.)

פון לעבעדיגען.

גאט מייגער, וויפיעל מאל מען האט מיך שוין דאס ניט געצעהלט!

צעהלאז, האט מען מיך שוין געצעהלט.

יעדער אייבער רייסט זיך ארײן צו מיר און שטעלט מיר פראגען:

ווי מען רופט מיך? ווי מיין ווייב הייסט? מיין קינד? וואס איך טו? וויפיעל איך בין אלט?

איך וועל אייך זאגען דעם אמת, אז דאס האט מיר שוין גאנץ גוט דערעסען.

יעדער מאל צעהלען קאסט מיך געזונט.

איהר פארשטעהט? טאמער וואלט איך פארגעסען אז איך בין פארהייראט — דערמאהנט מען מיר עס.

איהר באגרייפט? — טאמער וואלט איך אויף א מינוט ארויסגעלאזט פון קאפ, וועגען פרנסה — לאזט מען ניט!

און דער עיקר: טאמער וואלט איך געמיינט, אז איך בין נאך יונג, קומט מען און מען שטעלט מיר די פראגע: „ווי אלט?" און איך דערמאהן זיך תיכף, אז איך בין שוין ניט קיין אינגעלע...

מען צעהלט!

גאט מייגער! וויפיעל איז דער שיעור אונז, ארימע, צו צעהלען!

רעכט זיך, אז מיר, קבצנים, וואלטען געקענט אויסקומען אהן צעהלונגען.

גענוג איז פאר אונז אז אונזערע גראשענס זייגען געצעהלטע, אז די טראסטס און די פראפיטירער צעהלען אונז צו דעם ביסען אין מויל. אז די לענדלארדס צעהלען אונזערע קינדערלאך. (און מער ווי ביז איינס, ווילען זיי ניט צעהלען...)

ס'איז גענוג פאר אונז, אז מיר זיצען אין די שעפער און צעהלען די מינוטען, וואס שלעפען זיך, אזוי טורא'דיג לאנג, און אזוי בלויעדיג שווער?

גענוג!

זאל מען צעהלען די רייכע. די נגידים, די מיליאנערען, זיי, וועלכע זיצען אין די „צעהל־ביזנעס", זיי, וועלכע האלטען אין איין צעהלען און צעהלען זייערע קאפיטאלען. ווייל זיי וואקסען מיט יעדער רגע, מיט יעדער סעקונדע.

זאל די רעגירונג צעהלען זיי. ווייל זיי לעבען אהן א רעכענונג. ווייל זייערע געליעבטע און זייערע דאלארס זייגען ניט קיין געצעהלטע...

אבער וואס האט די רעגירונג צו אונז! מיר, וועלכע האבען בלויז צו איבעריגע ווייבער (אז אך און וועה איז אונז!) און אפט אויך צו איבעריגע פאר הויזען...

אויף מיין ווארט, איך זעה ניט איין, צו וואס די רעגירונגען דארפען צעהלען קבצנים.

מיט איין קבצן מעהר, מיט איין קבצן וועניגער, וואס איז די נפקא מינה??!

זעהט איהר, די ראקעפעלערס, די מארגאנס, זיי זייגען וויכטיג.

ווען עס קומט צו נאך א ראקעפעלער אין לאנד — דאן איז עפעס אנדערש.

און וואס האב איך דערפון וואס מען צעהלט מיך, הא?

גוט וואלט געווען, ווען נאכ'ן צעהלען, וואלט מען מיר פארבעסערט מיין לאגע, פארגרינגערט מיין מערכה. דאן וואלט געווען כדאי!

למשל, ווען די רעגירונג דערוויסט זיך, פון די פאפירען, אז איך, איהר אונטערטהאן, מאטעל בר' אליה, איז א גאנץ פויגער קבצן, און ער מוטשעט זיך גאנץ ניש־קשה'דיג, אזוי גאר אויפ'ן געהויבענעם שטייגער, און די רעגירונג זעהט עס איין, און זי שיקט מיר א טשעק, אזוי א תיבשען, און איך זאל קענען אויפגעריכט ווערען — דאס, זעהט איהר, וואלט געווען כדאי...

אדער, למשל, די רעגירונג דערוויסט זיך, טאקע ווידער פון דער צעהלונג, אז איך בין בלויז אן ארימער טענאנט. מוטשע זיך און צאהל דירה־געלט און טרייסעל זיך פאר קעלט. און זי, די רעגירונג וואלט געהאט איינזעהעניש, און א פאאר וואכען נאך דער „ספירות", מיר ארייגגעשיקט א פויגע מטבעה, ספעציעל פאר א הויז, און מיט אזא פיין בריוועל דערצו:

מיין ליבער סיטיזען, מאטעל! אזוי ווי מיר האבען זיך דערוואוסט פון די פאפערס, אז איהר זייט נעביך אן ארימער טענאנט, און איהר מוטשעט זיך, יאגט זיך ארויס די נשמה צוליעב די הויכע רענטען, לכן, האבען מיר באשלאסען אייך ארויסצוהעלפען מיט א פאר דאלאר, אויף א הויזקע. פאר די געלט ווילען מיר, אז איהר זאלט זיך קויפען א פויגע הויז, מיט א שטיקעל נחלה. סיטיזען! פארביצט עס געזונטערהייט! און לאזט אונז ווייסען ווי אזוי איהר פיהלט זיך ווען איהר קוקט ניט אן דעם לענדלארד'ס פנים? אייער טרייע רעגירונג."

זעהט איהר, דאס וואלט איך אנערקענט! אבער גלאט נעהמען מענשען און זיי „באדערען", שטעלען זיי קלאץ־קשיות פאר אומזיסט און אומגישט — דאס איז שוין א שמיקעל עולה!

ווער, כ'בעט אייך, האט עס צייט צו ענטפערען אויף די אלע פראגען?

און נאך נארישער איז, וואס מען פרעגט מיך וועגען מיינע בארדערס. איך האב (פעהלען זאלען זיי זיך מיר, דריי בארדערס, איז געה ווייס, ווי מען רופט זיי, זיי האלטען זיך דען ביי מיר? זיי טופען דאך ארום, ווי די ציגיינער! יעדען מאנאט האב איך דריי נייע בארדערס, הייגט געה ווייס זייערע נעמען! הייגט די יאהרען! א מחויב צו וויסען! הייגט ביי וואס ארבייטען זיי? ווער ווייס דען ביי וואס זיי ארבייטען! אפשר ארבייטען זיי גארנישט! איהר גאנצע ארבייט באשטעהט אין דעם, וואס זי קעמט גאנצע טעג איהרע געשוירענע הערלאך! אויך מיר אן ארבייט!

אויף מיינע נאמנות, איך פארשטעה ניט צו וואס מען דארף אונז, קבצנים, צעהלען?

יע, איהר זאגט, ווי קען א רעגירונג לייען געלט צו איהרע בירגער, מען וועט איהר דען אפגעבען צוריק?

זאג איך אייך: אז א בירגער איז, נאך אלעמען מעהר בטוח, ווי א פרעמדע רעגירונג.

שטעלט זיך פאר אונזער רעגירונג האט צוליען געלט א סך מלוכות, נו, איז וואס, קריגט זי עס שוין דען גלייך צוריק? מ'שטעקט ניט הייגטיגע צייטען! איז, פרעג איך אייך, וואלט ניט געווען גלייכער, אז אנשטאט לייען געלט צו ווילד־פרעמדע און זיי זאלען געהן פארלוירען, זאל זי בעסער לייען איהרע אייגענע בירגער?!

אויף מיין ווארט, אז איך האב רעכט.

די נייע סטראטעגיק פון דער ארבייטערשאפט

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ.

אין די פריהערדיגע צייטען, פאר דער מלחמה, איז די טרייד יוניאן פאליסי, אטווענינגסטענס אין ענגלאנד און אמעריקא, געווען א גאנץ איינפאכע. עס האט געמיינט זיך אויפצוהאלטען לויט די פרייזען פון די לעבענס־מיטעל. די פרייזען אויף די לעבענס־מיטעל פלעגען זיך פאמעליך הויבען פון יאהר צו יאהר, און אזוי פלעגען זיך אויך הויבען די וויידזש־סקיילס.

היינט איז אבער גאנץ אנדערש. היינט שטעהען פאר די ארבייטער אנדערע פראבלעמען. דער איצטיגער קאמפף פאר א מעהר אדער ווייניגער אנשטענדיג לעבען איז א פיעל שווערערער, ווי דאס איז פריהער געווען. מען באגעגענט זיך איצט מיט נייע, גרויסע שוועריגקייטען און דער אלטער, איינפאכער וועג פון פיהרען דעם ארבייטער־קאמפף, ווי אמאל, איז ניט מעהר גוט. א נייע סטראטעגיק מוז ווערען אנגעווענדעט צו באגעגענען די ביטערע, קאמפליצירטע אטאקען פון שונא. דער שונא היינט צו טאג איז ניט מעהר בלויז דער באס פון שאפ. מיט איהם האט מען זיך געקענט [illegible] „ספראווען" דורך א סטרייק און א סעטעלמענט קאמיטע. דער היינטיגער שונא איז נאציאנאל און אינטערנאציאנאל — דאס איז דער שרעקליכער יקרות אויף אלע נויטווענדיגקייטען אין לעבען. און דאס איז א זעהר שרעקליכער שונא!

די אמעריקאנער ארבייטער פארשטעהען נאך קוים ווי גרויס דער פראבלעם איז. צו באגרייפען ווער דער שונא איז, איז פון דער ערשטער נויטווענדיגקייט. די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג שטעהט פאר אן ערפאלגרייכען אנפיהרען פון קאמפף, דאך אבער ווענדען זיי אן היינט אין קאמפף די זעלביגע טאקטיק פון אמאל. די ענגלישע ארבייטער זיינען שוין בעסער פארבערייטעט פאר דעם איצטיגען קריזיס. קודם כל ווייסען זיי ווער זייער שונא איז; זיי קעמפפען איצט ניט מעהר אפגעזונדערט, אין שוואכע קליינע גרופען. זיי האבען מאביליזירט זייערע כחות און קעמפפען אויף א פאראייניגטען פראנט. זייער פאליסי איז א ווייטגעהענדע, א ברייטע; עס איז נאציאנאל און אינטערנאציאנאל.

פאקטיש שטעהט איצט די ענגלישע ארבייטערשאפט פנים אל פנים מיט די זעלביגע פראבלעמען ווי די אמעריקאנער ארבייטערשאפט. דאס איז דאס אונגעהייערע שטייגען פון די פרייזען אויף די לעבענס־מיטעל, וואס מאכט אוים 250 פראצענט מעהר ווי פאר דער מלחמה. די ריילראודס, פעקטארים און קויהל מינען, וואס זיינען אין צייט פון קריעג נאציאנאליזירט געווארען, ווערען צוריק איבערגעגעבען אין פריוואט הענד, ניט אכטענדיג וואס דאס וועט אלעס נאך טייערער מאכען.

דער זעהר גרויסער מלחמה־חוב הענגט איבער'ן קאפ פון דער נאציאן ווי א שווערע, דריקענדע משא. דער בורזשעט פון דער נאציאן איז היינט אכט מאל אזוי פיעל ווי פאר דער מלחמה, און דאס קען ניט געדעקט ווערען פון דעם איינקונפט. דאס מיינט, אין אנדערע ווערטער, דאס די נאציאן קריכט יעדען טאג אלץ מעהר אין חובות. מעהר ווי א האלבער מיליאן ארבייטער זיינען דארט אומבאשעפטיגט. און ארום 135,000 פון זיי, די ציווילע ארבייטער, האט מען אוועקגענומען דעם קליינעם „אנעמפלאימענט בענעפיט", וואס האט זיי אייגענערמאסען באשיצט פון הונגער. די טרייד יוניאן באוועגונג ווערט געשטערט אין יעדער הינזיכט צו ברענגען א שטיקעל ארדנונג אין דעם כאאס, דאס דער נאציאנאלער חוב זאל געצאהלט ווערען פון א ספעציעלען טעקס אויף קאפיטאל, און דאס די הויפט־אינדוסטריען זאלען נאציאנאליזירט ווערען. אין דער זעלבער צייט ווערען געשיקט באוואפענטע מחנות אין אלע וועלט־טיילען — און דאס קאסט נאר א סך געלט — אויף דעם וואונש פון די אימפעריאליסטען צוריקצוהאלטען די שטייגענדע כוואליעס פון דעמאקראטיע. ערגער ווי עס איז אין ענגלאנד קען שוין קוים זיין. און דאס זעלביגע איז אויך אין פראנקרייך און אין אמעריקא. עס איז דעריבער פאר אונז אין אמעריקא גאנץ וויכטיג צו באטראכטען, ווי אזוי די ענגלישע ארבייטער לעזען זייערע פראבלעמען.

די רעגירונג וואס איז איצט אין מאכט אין ענגלאנד איז א רעגירונג פון יונקערס. דיעזע רעגירונג האט ניט געבראכט קיינע סאציאלע רעפארמען אויף דעם געביעט פון רעקאנסטרוקשאן, האט ניט געלעזט די ברענענדע פראגען פון וואוינונגען, פון ארבייסלאזיגקייט אדער פון שפייז. זי האט זיך אויף יעדען טריט געגענגעשטעלט די ארבייטער, מיט גערעכטע און אומגערעכטע מיטלען.

די ארבייטער, פון דער אנדערער זייט, האבען צוזאמענגעקליבען די קרעפטען פאר א שווערען קאמפף. אין סאמע פראנט פון זייער פראגראם האבען זיי ארויסגעשטעלט די נאציאנאליזירונג פון קויהלען־מינען, פון די אייזענבאהנען און אנדערע הויפט אינדוסטריען. דיעזע פאדערונג ווערט געשטיצט ניט בלויז פון דעם פאליטישען איינפלוס פון דער „לייבאר פארטי", זאנדערן אויך פון דער אינדוסטריעלער קראפט פון דער גרויסער ארבייטער־באוועגונג, ספעציעל פון דעם דרייבונד, פון די מיינערס, די אייזענבאהן ארבייטער און די טראנספארט ארבייטער. די פעדעראציע פון די מיינערס, מיט כמעט א מיליאן מיטגליעדער, קעמפט שוין ענערגיש זייט א יאהר צייט פאר דער נאציאנאליזירונג פון די מינען, אויפ'ן אינדוסטריעלען געביעט, אין פארלאמענט, פאר'ן געריכט פון דער עפענטליכער מיינונג און מט דער „קאול קאמישאן". דער מאיאריטעט־רעפארט פון דער רעגיערונגס־קאמיסיע, נאך א לאנגען, פארזיכטיגען אונטערזוכען פון דער אנגעלעגענהייט, האט רעקאמענדירט דיעזע פאדערונג נאכצוגעבען. די אייזענבאהן־ארבייטער, אונטער דער פיהרערשאפט פון דזש. ה. טהאמאס, האבען געוואונען א נאציאנאלען סטרייק פאר בעסערע וויידזשעס און זיי שטיצען דורכאוים די „לייבאר פארטי" און דעם טרייד יוניאן קאנגרעס.

דער לעצטער מיטינג פון דעם טרייד יוניאן קאנגרעס מיט עטליכע וואכען צוריק האט קלאר געוויזען דעם איצטיגען שטאנד און די אויסזיכטען פון דער ענגלישער ארבייטערשאפט. די נאציאנאלע פראבלעמען אויפ'ן טאגעס־ארדנונג צום דיסקוטירען זיינען געווען נאציאנאליזירונג, ארבייטסלאזיגקייט, דער יקרות און די רוסישע אינטערווענציע. דער גייסט פון די דעלעגאטען איז געווען א גאנץ הייסער, און ווען איין פארלאמענט־מיטגליעד האט געוואגט דארט צו פארטיידיגען קאלטשאק'ען, האט ער נעכאפט א שלעכטען אפשנים. די דעלעגאטען האבען אויסגעדריקט גרויס ענטריסטונג געגען דער רעגירונג פאר'ן אפשאפען דעם ארבייטסלאזען בענעפיט, וואס איז איינגעפיהרט געווארען ביים סוף פון דער מלחמה.

די מיינערס פעדעראציע האט פאר דעם קאנגרעס צוגעגרייט א גאנצען פראגראם. פון א באזונדערען ווערט איז געווען זייער פארשלאג ווי צו האנדלען געגען דעם יקרות. די שטאדט זאל איבערנעהמען די מילך און צושטעלען צו די פארברויכער פאר 12 סענט א קווארט. אלע קליינע שיפען, וואס די רעגירונג באזיצט, זאלען איבערגעגעבען ווערען פאר געברויך צו די קאאפעראטיווע פישער פאראיינען. דאס פארניכטען פון פיש און אנדערע שפייזען, כדי צו העכערען די פרייזען, זאל זיין פארבאטען פון געזעץ. עס זאלען גלייך ארונטערגענומען ווערען די טעקסעס פון טעע, קאפע און צוקער. א פארשלאג איז אויך געמאכט געווארען ווי צו פארקלענערען די פראפיטירינג אויף קליידער און דאס די ריילראודס און די שיפינג זאל איבערגענומען ווערען פון דער רעגירונג און זאל געשטעלט ווערען אונטער א דעמאקראטישען קאנטראל.

דער קאנגרעס האט אויך ניט פארנאכלעסיגט צו זאגען א ווארט וועגען דעם סאמע עיקר פון דעם יקרות, נעמליך — וועגען דעם געלד־סיסטעם פון לאנד. אין דער אנגעלעגענהייט איז פארגעשלאגען געווארען, „דאס עס זאלען גלייך נאציאנאליזירט ווערען די באנקען און אום צו פארקלענערען די לאסט פונ'ם מלחמה־חוב, זאל דער קאפיטאל באדייטענד געטעקסט ווערען".

דער קאנגרעס אלס גאנצער האט אנגענומען א רעזאלוציע, פראטעסטירענדיג געגען „דער גלייכגילטיגקייט צו דער אוננארמאלער פראפיטירונג פון די קאמערצאנטען און מאנאפאליסטען, וועלכע קאנטראלירען די סאמע נויטיגסטע לעבענס־מיטעל. מיר ערקלעהרען, דאס די גרויסע פראפיטען וואס ווערען געמאכט פון די וואס קאנטראלירען די נויטיגע לעבענס־מיטעל פון דער געזעלשאפט, זיינען די הויפט־אורזאכען פון דער אינדוסטריעלער אומרוהיגקייט, וואס איז געפעהרליך פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער אלס פראדוצירער און פארברויכער און איז שעדליך פאר דער געזעלשאפט דורכ'ן אויפהאלטען הויכע פרייזען אין דער פראדוקציאן, פון וואס דאס גאנצע פאלק ליידעט. „אום בעסער צו קאנטראלירען די פראדוקציאן, ווערט רעקאמענדירט, דאס די רעגירונג זאל באלד איבערנעהמען דעם קאנטראל איבער די רויה־מאטעריאלען וואס זיינען נויטיג פאר דער מאנופאקטור פון נויטיגע ארטיקלען, בילדינג־מאטעריאלען איינגעשלאסען."

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on Jan. 16, 1920, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער קאנגרעס האט אויסגעהערט דעם ענטפער פון לאיד דזשארדזש, וואס ער האט געגעבען א דעפוטאציע, וואס איז צו איהם געשיקט געווארען אויסצוגעפינען וועגען זיין שטעלונג צו רוסלאנד. ערקלערענדיג, אז די רעגירונג האט ניט בדעה צו מאכען שלום מיט רוסלאנד, כאטש צוגעבענדיג דאס די רעגירונג קען מעהר ניט געבען קיין פינאנציעלע הילף צו דעניקין און קאלטשאק, האט דער טרייד יוניאן קאנגרעס אויסגעדריקט גרויס אומצופריעדענהייט און האט אויפגעפאדערט די רעגירונג צו באטראכטען די פריעדענס־פארשלאגען פון סאוועט־רוסלאנד, אויפצוהויבען די בלאקאדע און צו ערלויבען אנצופיהרען האנדעל צווישען רוסלאנד און דער אויסערער וועלט. עס איז אפאינטעט געווארען א קאמיטע צו באזוכען רוסלאנד און באריכטען וועגען די דארטיגע צושטענדע. אבער ווי עס ווייזט זיך ארויס פון שפעטערע באריכטען, האט די רעגירונג דער קאמיטע קיין פאספארטען ניט געגעבען.

* * *

די פראגע פון נאציאנאליזאציע איז געווען די הויפט־פראגע אויפ'ן טרייד יוניאן קאנגרעס. צוליעב דעם איז אייגענטליך דער קאנגרעס צוזאמענגערופען געווארען. אלע האבען אנערקענט, דאס עס פאדערט זיך די ערנסטע אנשטרענגונג פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג צו מאכען דאס פארשטעהן דעם קלאס פון בעלי בתים. עס איז ענדליך באשלאסען געווארען אנצונעהמען די פאליסי פון „וואטשפול וועיטינג", ענטוועדער צו געבען דער רעגירונג נאך א געלעגענהייט נאכצוגעבען דעם פארלאנג, אדער אפצוווארטען ביז'ן מאנאט פעברואר, ווען עס וועט מעגליך פארקומען אן אלגעמיינער עלעקשאן פאר'ן פארלאמענט און די ארבייטער וועלען באקומען א מאיאריטעט. אויב אבער קיין עלעקשאן וועט ניט פארקומען און דער פארלאמענט וועט אלץ ניט נאכגעבען אין דער פראגע פון נאציאנאליזאציע, וועט א צווייטער טרייד יוניאן קאנגרעס איינגערופען ווערען צו באטראכטען וועלכע מיטלען עס זאלען אנגעווענדעט ווערען, דאס די רעגירונג זאל די פראגע דאך אויפנעהמען.

אט אזוי קאנצענטרירען זיך די קרעפטען פון דער ענגלישער ארבייטער־באוועגונג מיט זייער פארטגעשריטענער פיהרערשאפט, פאר דער גרויסער אויפגאבע. די פיהרערשאפט איז אויסגעצייכענט! זיי גיבען דעם שונא קלאפ נאך קלאפ, ביז עס וועט קומען דער לעצטער שטוים. אויב דאס וועט קומען פון א מאיאריטעט אין פארלאמענט דורך אן אלגעמיינעם עלעקשאן, אדער דאס וועט קומען דורך דירעקטע אקציאן, דורך אן אינדוסטריעלען צוזאמענשטויס — בלייבט איבער צו זעהן. און מעגליך נאר אין גיכען, אפשר אין די נעקסטע פאר מאנאטען.

לידער

פון סולי פריואם,
אידיש פון מ. פערעלמוטער.

1

איך וועל זי מעהר שוין קיינמאל זעהן.

איך וועל זי מעהר שוין קיינמאל זעהן,
נאר אפטמאל קום איך צו איהר מאמען
און שמועס מיט איהר אויף יענעם ארט,
וואו כ'בין געווען מיט איהר צוזאמען...

אין יענער שטוב, וואס ווארט פארבענקט,
טוט אלץ אן איהר, אן איהר דערמאנען,
און ס'קלאפט מיין ארעם הארץ אזוי:
איך פיהל אז זי איז דא פאראנען...

אמאל: כ'האב זי בלויז דא געזעהן,
איצט בלאנדזשען טריבע מיינע בליקען —
זייט ס'איז פאר'יתום'ט דא דאס הויז,
איך טו זיך דא מיט אוצרות קוויקען:

די בילדער, ביכער, ס'טישעל איהרס,
דאס הייליג בילד מיט יעזוס' טעכטער,
די גאנצע שטוב איז פול מיט איהר,
מיט איהרע רייד, מיט איהר געלעכטער...

מיר דאכט אפטמאל: ז'איז ווידער דא,
מיר זיצען ביידע דא, אזוי ווי
אמאל, — ס'דערמאנט די מוטער זי,
איך וויש א טרער אראפ בגנבה.

איהר זאגט: געשטארבען ז'איז געווים! —
אה, ניין! ווען ס'האט געוויינט מיין ווערזע,
האט זי א בלומען־קראנץ באצירט,
נאר ס'איז קיין טרונע ניט געוועזען...

2

א תפלה.

איך וויל מתפלל זיין: מיר ווערט דאס הארץ צעריסען,
דער שטרענגער שכל דאך, ער האלט מיך אלץ צוריק,
און ניט דער מאמעס טרער, איהר טרויעריגער בליק,
און ניט דעם צדיק'ס טאט, די ליידען פון געוויסען.

און ניט דער הייסער דורשט די זעעל־רוה צו געניסען —
[illegible]'קען גאר ניט אומקעהרען דעם גלויבען מיר צוריק:
[illegible] צווייפעל ברענט מיין גייסט, מיט זינד און קדושה־קריעג,
[illegible] תאוה־גאט מיין הארץ מיט כפורה האט געביסען...

איך וויל מתפלל זיין: כ'בין עלענד אהן א שיעור!
[illegible] אונטערטעניגער, געקניהעט איך שטעה פאר דיר,
[illegible] רוף צו דיר: מיין גאט! בעוויז זיך, וואו דו ביזט.

[illegible] קינדערדיג ביים קריין, איך שפיר אז אלץ איז טויב,
[illegible] שטארבט דער [illegible]'ס שרעק, איך וויים, איך רוף אומזיסט,
[illegible], זיי מורמלען שטיל „איך גלויב."

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
Vol. II. No. 3. New York, Friday, Jan. 16, 1920.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

דעם גאווערנאר'ס ארביטריישאן קא־מיטע אין דעם קלאוקמאכער־סכסון.

מיר האבען געמאכט א טעות, צוזאגענדיג אונזערע לעזער אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" אן ענטשיידונג פון דער ארביטריישאן־קאמיטע. עס ווייזט זיך ארויס, אז די ארביטריישאן־קאמיטע נעהמט זיך צייט.

נאטירליך, האבען מיר גארניט בדעה צו מאכען דערפאר דעם מינדעסטען פארוואורף דער קאמיטע. אדרבה, זאל זי נאכפארשען וויפיעל זי קען נאר; די קלאוקמאכער קענען דערפון נאר געווינען. אבער דעם אמת מוזען מיר זאגען, אז לויט אונזער מיינונג איז אויסגעקומען, אז דא איז אייגענטליך ניטא פיעל וואס צו אונטערזוכען. ווארים, ווענען וואס האנדעלט זיך דא? די קלאוקמאכער, רעפרעזענטירט דורך זייער דזשאינט באארד און דער אינטערנעשאנאל, האבען געפאדערט פאר זיי א העכערונג פון די שכירות. אויף וואס פאר א גרונד? אפשר אויף דעם גרונד, דאס די קלאוקמאכער האבען זיך ארומגעזעהן, אז זייער לעבענס־סטאנדארד איז ניט הויך גענוג, און אז פון היינט אן און ווייטער ווילען זיי בעסער און שעהנער לעבען? גערעכט ווי עס וואלט געווען א באגרינדונג, ווייל יעדער מענש האט א רעכט צו וועלען לעבען אלץ בעסער, האט אבער די יוניאן דעם גרונד פאר די פאדערונג פון געהעכערטע שכירות ניט אנגעגעבען. איהר גרונד איז געווען א גאנץ פשוט'ער: דער דאלאר איז זייט לעצטען יוני, ווען דער פרייז איז באשטימט געווארען, באדייטענד געפאלען אין זיין קויף־קראפט, פאלגליך, אויב דער מינימום־וויידזש זאל בלייבען דער זעלבער, ווי לעצטען יוני, וועט עס פשוט מיינען, אז אין 1920 זאלען די ארבייטער קריגען וועניגער און ערגער באצאהלט, ווי אין 1919. דאס וועט פשוט מיינען, אז אין 1920 זאלען זיי מוזען זיך באנוגענען מיט וועניגער ברויט, מיט וועניגער פלייש, מיט ערגערע קליידונג און וואוינונג, ווי אין 1919, און דערצו וועט דער קלאוקמאכער קיינמאל ניט מרוצה ווערען.

הייסט עס, אז דער דזשאינט באארד האט באגרינדעט זיין פאדערונג אויף עטוואס, וואס איז, נאך זיין מיינונג, א פאקט. באשטרייטען אבער די באסעס דעם פאקט. זיי זאגען, אז עס איז ניט אמת, דאס דער דאלאר איז געפאלען אין פרייז; זיי באהויפטען, אז אלעס דאס, וואס מען האט געקענט קויפען פאר א דאלאר לעצטען יוני, קען מען נאך היינט קויפען פונקט אזוי גוט. די פראגע איז: ווער פון די ביידע איז גערעכט? ווער זאגט ליגען, און ווער דעם אמת? דאס דארף די ארביטריישאן־קאמיטע אויסגעפינען, און, לויט דעם רעזולטאט פון איהר אויספארשונג, ארויסטראגען איהר ענטשיידונג. האבען מיר, אין אונזער פראקטיקייט, ביי זיך געטראכט: דאס איז זעהר לייכט אויסצוגעפינען. מען דארף נאר אריין אין עטליכע גראסערי סטארס, און זיך דערקונדיגען איבער די פרייזען, וואס די קאסטימערס האבען געצאהלט פאר צוקער, ברויט, מעהל, פוטער, אייער א. ז. וו. לעצטען מאי, און ווידער די פרייזען פון יעצט. מען דארף נאר אויסגעפינען, וויפיעל מען האט געצאהלט רענט לעצטען מאי פאר די וואוינונגען, וואו ארבייטער לעבען, און וויפיעל מען צאהלט איצט פאר זיי. אויב די באסעס זיינען גערעכט, דאן קומט די ארבייטער קיין שכירות־העכערונג, לויט דעם אנגעגעבענעם גרונד. זיינען אבער די פארשטעהער פון דער יוניאן גערעכט, דאן מוזען זאפארט זייערע שכירות געהעכערט ווערען. דערפאר האבען מיר געגלויבט, אז די גאנצע געשיכטע דארף נעהמען בלויז א פאר טעג צייט. מיר האבען זיך ניט פארגעשטעלט, אז די ארביטריישאן קאמיטע וועט זיך פארנעהמען אזוי ברייטלאך אין [illegible] דאס ביידע צדדים וועלען קומען מיט לאיערס און מיט עדות, [illegible] לען זיין לאנגע קראס־[illegible]

מיר האבען זיך פארגעשטעלט די זאך פיעל איינפאכער. נאר אז עס איז אזוי, פאדדריסט עס אונז אויך ניט. די ארבייטער קענען דורך א גרינדליכער און אלזייטיגער אויספארשונג זיכער גארניט פארלירען. יע, וואס גרינדליכער, דאס בעסער.

דער שרייבער פון די צייל[ע]ן איז געווען אויף איינער פון די זיצונגען פון דער ארביטריישאן־קאמיטע. ער האט ביינעוואוינט די שעהנע און זעהר אמי־ [illegible] לאנדאן, זיעגמאן, פיינמאן און אנדערע האבען גענומען אויף א קראס־עקזאמיניישאן א געוויסען מאנופעקטשורער, און אסור, אויב ער האט באדויערט, וואס די ארביטריישאן־קאמיטע האט זיך פארנומען אזוי ברייטלאך ווענען דעם ענין.

נאטירליך, לויט דעם מאנופעקטשורערס עדות־זאגען, איז ער געווען אלע זיינע יאהרען א שרעקליכער אפפער פון די ארבייטער. וואס זיי האבען נאר געוואלט, האבען זיי ביי איהם אויסגעפיהרט. זיי האבען געוואלט וואך־ארבייט, האט ער זיי געגעבען. א ברירה האט ער געהאט? אויב שטיק־ארבייט, האבען זיי געוואלט א משונה'דיג־ווילדען פרייז. וואס־זשע האט ער נעבעך געקענט טאן? שפעטער, אז זיי האבען שוין געקראגען וואך־ארבייט, און מען איז שוין משוה געווארען אויף פרייזען, האבען זיי באלד פארלאנגט נאך דריי דאלאר א הוספה, און ער האט ווידער געמוזט געבען. דאס לעצטע מאל זיינען זיי געקומען מיט א פאדערונג פון גאנצע 30 פראצענט מעהר, און דאן, ווען זיי ארבייטען איצט פיעל וועניגער ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. און ער וואלט אויך דאס שוין נאכגעגעבען, האט ער אבער געקראגען א באפעהל פון דער באס'ן צו שטעהן פעסט... פון אלץ, וואס ער האט דערצעהלט, וואלט מען געקענט מיינען, אז דער מאנופעקטשורער איז פשוט אויס'ן שוועל פון באנקראט. אבער, לויט מען רעדט אין שטעדטעל, האט ער דוקא געמאכט א פעטען גראשען פון זיין שווערען מארטירערטום...

און מיר האבען ביי זיך געטראכט: צי דאס אלעס, וואס דער מאנופעקטשורער האט דערצעהלט, האט יא צו טאן אדער ניט מיט דעם איצטיגען סכסוך, אבער שאדען קען עס געוויס ניט. צו הערען פון דעם מויל פון דעם מאנופעקטשורער, ווי שטארק די יוניאן איז, און ווי ער האט אלעס געמוזט נאכגעבען, איז ווירקליך פאר איינעם, וואס ווייס ווי לאנג, אה, ווי לאנג, די ארבייטער האבען געמוזט טאן אלעס, וואס די באסעס האבען געוואלט, אן אמת'ער נחת רוח.

אבער דאס איז אגב אורחא. ביז איצט האבען דאס ווארט געהאט די מאנופעקטשורערס. און פון אלץ, וואס זיי האבען גע'טענה'ט, זעהט עס ניט אויס, וועניגסטענס פאר אונז, אז זיי זאלען האבען געבראכט איין געזונטען ארגומענט, ווארום די קלאוקמאכער זאלען ניט קריגען געהעכערט די שכירות. אין די נעקסטע עטליכע טעג וועלען קומען צום ווארט די פארשטעהער פון די ארבייטער, כאטש זיי האבען אויך ביז איצט ניט געזעסען שטומע. אבער בעת ביז איצט איז זייער אויפגאבע באשטאנען צו „קארעגירען" נאר פיעלע סטייטמענטס פון די מאנופעקטשורערס, וועלען זיי באלד קומען מיט זייערע איינענע סטייטמענטס. און, אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, קומען זיי ניט מיט לעדיגע הענד. זיי האבען די גודס, ווי מען זאגט. זיי זיינען פארבערייטעט מיט א גענויער אונטערזוכונג פון די פרייזען פון פארשיעדענע לעבענס־נויטווענדיגקייטען פון איצט און מיט זעקס מאנאטען צוריק. דאס וועט מוזען מאכען א סוף צו די אלע פיינע ארגומענטען, און די ארביטריישאן־קאמיטע וועט דאן קענען ארויסטראגען איהר ענטשיידונג.

דערווייל האבען די פארשטעהער פון דער דזשאינט באארד, זיעגמאן, פיינמאן און מייער לאנדאן, געטאן די פארבערייטענדע ארבייט. וואו זיי האבען נאר [illegible] האבען זיי געמאכט שטארקע לעכער אין די קיילעכדיג־אויסגעארביטע סטייטמענטס פון די מאנופעקטשורערס. האבען די מאנופעקטשורערס אנגעהויבען מאניפולירען מיט ציפערן, האבען אונזערע פארשטעהער גלייך באוויזען, ווי ניט ריכטיג זיי זיינען. און האבען זיי אנגעהויבען מאכען פנים'ער פון נעבעכלעך, כאטש נעה מאך פאר זיי א קאלעקשאן, האט מאיר לאנדאן זיך נארניט געשעהמט און ערקלעהרט עפענטליך, דאס די יוניאן מאכט דירעקט גענען זיי די באשולדיגונג אין פראפיטירעריי, און אויפגעפאדערט זיי צו באווייזען, אויב זיי קענען, אז די באשולדיגונג איז א פאלשע.

עס איז ווערט צו באמערקען, אז די מאנופעקטשורערס האבען אין גאנצען איגנארירט מייער לאנדאן'ס טשעלענדזש; האבען מיט קיין ווארט ניט געענטפערט אויף די דאזיגע עפענטליך־געשליידערטע אנקלאגע געגען זיי.

דאס מאל ווילען מיר שוין ניט נביאות זאגען, ווען די ארביטריישאן־קאמיטע וועט ארויסקומען מיט איהר ענטשיידונג. אייבינג אבער וועט זי דאך ניט זיצען, און, לויט לאניק און יושר, שיינט עס, אז די ענטשיידונג וועט זיין צו גונסטען פון די בעלי מלאכות.

א ווארט צום פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל.

דריי מאנאטען זיינען אוועק זייט דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באפאלא, וואו עס איז געמעלדעט געווארען פון אזוי פיעל קעמפפע, זיעגע, און וואו עס איז פארגענומען געווארען פארשיעדענעס פאר דער צוקונפט. דאס מאל פארזאמעלט זיך דיזע קאמיטע אין באסטאן, און, לויט מיר ווייסען, וועט דער רעפארט פון אלץ וואס איז אויפגעטאן געווארען, זיין ניט וועניגער באדייטונגספול און רוהמפול, ווי דער פאריגער רעפארט.

אין די לעצטע דריי מאנאטען האט די אינטערנעשאנאל אויף איהר רעקארד דעם גרויסען זיעג פון די קלאוקמאכער אין קליוולאנד, וואס איז ביז איצט באטראכט געווארען אלס א פעסטונג, וואס די יוניאן קען קיינמאל ניט איינגעהמען; דאן דעם אגרימענט, וואס איז ערשט אונטערשריבען געווארען לעצטע וואך צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אין פילאדעלפיא; דאן אין טאלידא און סינסינעטי, און, לעצט באט נאט ליעסט, דער זיעג פון די קלאוקמאכער אין טאראנטא, וואס איז געווען פאר קאנאדע א סארט קליוולאנד אין מיניאטור.

איצט מעג מען עס שוין זאגען, אז די אלע זיעגע זיינען געקומען פיעל שנעלער, ווי מען האט זיי ערווארטעט. פרעזידענט שלעזינגער'ס אפפאהרען נאך יוראפ, האט מען גערעכענט, וועט מאכען נויטווענדיג די אפלעגונג פון פיעלע קעמפפע. אבער אויסגעלאזען האט זיך עס גאנץ אנדערש. סעקרעטערי־טרעזשורער אב. באראף האט זיך נאר מיט א באזונדערער פייערדיגקייט אריינגעווארפען אין דער ארבייט, און ער האט געלייסטעט נאר גרויסעס. ער איז געווען איבעראל, וואו עס איז נאר נויטיג געווען; איבעראל געגעבען דעם ריכטיגען טאן, געזאגט דאס ריכטיגע ווארט, און ער האט געהאט ערפאלג. אין דער זעלבער צייט האט ער ניט פארנאכלעסיגט זיין ארבייט, אלס סעקרעטערי־טרעזשורער. אויך אנדערע פיהרער פון די פארשיעדענע יוניאנס, האבען זיך ארויסגעוויזען פאלקאם געוואקסען פאר זייער ארבייט, און דערפאר וועט דער איצטיגער צוזאמענפאהר פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באסטאן, וואו ער וועט האבען זיינע מיטינגען אין בריווסטער האטעל פון מיטוואך, דעם 14טען יאנואר, ביז אלעם נויטיגעם וועט ערלעדיגט ווערען, זיין פון גאנץ גרויסער באדייטונג.

זאל דא נאך צוגעגעבען ווערען, אז דאס איז דער לעצטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פאר דעם יאהר, ווייל אין מאנאט מאי וועט שוין שטאטפינדען די אלגעמיינע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל. העכסט־וואהרשיינליך וועט אויף דעם מיטינג די קאנווענשאן פארנעהמען א היבשען טייל פון זיין פראגראם.

דער סוף פון שטאל־סטרייק

לעצטע וואך האבען די פיהרער פון שטאל־סטרייק ערקלעהרט דעם סטרייק אלס געענדיגט. דאס מיינט, אז אויסגעפיהרט האט דערווייל גערי, און די ארבייטער־באוועגונג האט דורך דעם געליטען א שטארקען קלאפ. עס פארשטעהט זיך, אז די פיהרער באטראכטען ניט דעם סטרייק פאר א פארלארענעם. אין א געוויסען זין מעג מען מיט זיי איינפארשטאנדען זיין. קיין סטרייק געהט ניט פארלארען. אין יאהרען שפעטער, ווען די ממשלה פון גערי וועט זיין געבראכען, וועט דערצו געוויס האבען ביינעטראגען דער איצטיגער סטרייק. אבער אין דערזעלבער צייט קען עס ניט געלייקענט ווערען, אז דערווייל האט זיך דער שטאל־טראסט ארויסגעוויזען, אלס דער שטארקערער.

דער פרייז פון דעם גערי־זיעג איז געווען א שרעקליכער, די סטרייקער זיינען בארויבט געווארען פון זייערע עלעמענטארסטע רעכטע; און די געמיינסטע מיטלען פון פארלוימדונג, נאכהער פון בעטשוויגונג זיינען אנגעווענדעט געווארען געגען דעם סטרייק. דער דאזיגער זיעג האט געבראכט שמאך און שאנדע אויף גאנץ אמעריקא און איהרע אינסטיטוציעס; אבער, עס מוז דא געזאגט ווערען אזוי קלאר, ווי מעגליך, אז דאס אלעס וואלט נאך אלץ ניט געבראכען דעם סטרייק, ווען די גרויסע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט וואלט ארויסגעוויזען מעהר פארשטענדניס, מעהר סימפאטיע פאר דעם קאמפף, ווי זי האט עס געטאן. ליידער, ליידער מוז דא ערקלערט ווערען, אז די פארלוימדונגען אין דער פרעסע און אין קאנגרעס האבען געהאט א גאנץ שטארקע ווירקונג אויף די גרויסע ארבייטער מאסען, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס אפיציעל איז די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר געשטאנען פאר'ן סטרייק. די גרויסע מאסען האבען זיך ווירקליך געלאזט איינשמועסען, אז די שטאהל־סטרייקער און זייערע פיהרער זיינען אויסען ניט קיין קלענערע זאך, ווי מאכען א רעוואלוציע אין אמעריקא.

מיט שטאלץ קענען מיר דערפאר דא פארצייכענען, אז אונזער אינטערנעשאנאל איז געווען פון די סאמע ערשטע יוניאנס, וואס איז ארויס מיט א פארפליכטונג בייצוטראגען א פערטעל מיליאן דאלאר, און דעמזעלבינגען שטאלץ פיהלען מיר, וואס די ארבייטערשאפט אין ניו יארק אין אלגעמיין, און באזונדערס די אמאלגאמייטעד, האט אזוי גרויסמוטיג זיך אפגערופען אויף דעם הילף־געשריי פון די שטאהל־סטרייקער.

ליידער איז די ניו יארקער ארבייטערשאפט געווען די איינציגע אויסנאמע. די ארבייטערשאפט איבער'ן לאנד איז געווען, אויב ניט פיינדליך, גאנץ גלייכגילטיג צום גרויסען קאמפף, און דאס איז געווען איינע פון די הויפט אורזאכען, ווארום דער שטאהל־סטרייק האט געמוזט אויפגעגעבען ווערען. מיט יעדער וואך פון סטרייק האט די נויט און דער מאנגעל אין דאס סאמע נויטיגסטע געלאזט זיך פיהלען אלץ שטארקער און שטארקער, ביז עס איז ניט געבליבען קיין אנדער ברירה, ווי אויפצוגעבען.

נאר איין ליכטיגער פונקט אין דעם געענדיגטען קאמפף איז דער מוט, די אויסגעהאלטענקייט און די אויסדויערקראפט פון די סטרייקערס גופא. די שטאהל־סטרייקער, מעג מען זאגען, אהן די מינדעסטע איבערטרייבונג, האבען זיך ארויסגעוויזען אלס אמ'ע העלדען. זיי האבען זיך ניט געלאזט פראוואצירען פון די געמיינסטע גוואלד־טהאטען צו איבעראיילטע האנדלונגען, וואס דאס האט גערי אזוי געוואונשען. די נויט, דעם הונגער האבען זיי איבערגעטראגען מיט דער שטאנדהאפטיגקייט פון אמת'ע איבערצייגטע מענשען, אזוי, דאס וועניג האט די וועלט געוואוסט, וואס זיי האבען געהאט אויסצולײדען. און נאך ביז די לעצטע מינוט זיינען געבליבען צוויי הונדערט טויזענד שטאהל סטרייקער געבליבען אויף'ן קאמפף־פלאץ, ביז זייערע גענעראלען האבען זיי געהייסען געהן צוריק צו דער ארבייט.

אזעלכע ארבייטער — דאס איז אונזער טיעפסטע איבערצייגונג — קענען ניט פיהלען זיך ווירקליך געשלאגען, און קענען אויך ניט אויף לאנג בלייבען געשלאגען. פריהער אדער שפעטער וועלען זיי זיין די זיגער. דער סטרייק פון די שטאהל־ארבייטער האט געמאכט געשיכטע אין אמעריקא. ער וועט שטויסען די גאנצע ארבייטער באוועגונג אין א ריכטונג, וועלכע זי האט ביז איצט, צו איהר איינענעם שאדען, געזוכט מיט אלע כחות אויסצומיידען.

אין א קלאוק פעקטארי אין אמסטערדאם

דריטער בריעף פון פרעזידענט ב. שלעזינגער.

אמסטערדאם, דעצ. 16, 1919.

אין מיין פאריגען בריעף האב איך דערמאנט, אז איך האב באזוכט אן אמסטערדאמער קלאוק פעקטארי. איך האב דעם באזוך געמאכט מיט א „ביזנעס איירזשענט" פון דעם אמסטערדאמער שניידער־פארבאנד, פריילין אלידא דע יאנג.

אלידא איז א האלענדישע אידישע מיידעל. זי איז זעהר אינטעליגענט, ענערגיש און פארשטעהט אויסגעצייכענט די ארבייט פון אויסגלייכען סכסוכים צווישען ארבייטער און באסעס. אויסער אין דעם שניידער פארבאנד איז זי אויך זעהר טעטיג אין דער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי און אין דעם סאציאל־דעמאקראטישען פרויען פראפאגאנדא קלוב פון אמסטערדאם. איהר שפראך איז האלענדיש, אבער זי רעדט אביסעל דייטש אויך; און אזוי ווי מיין מאמע האט מיר אמאל געזאגט, אז אידיש און דייטש זיינען איין לשון, פלעגען מיר זיך ביידע גאנץ גוט צוזאמענריידען. נאטירליך פלעגען מיר אפט מוזען אביסעל צוארבייטען מיט די הענט אום מיר זאלען זיך איינער דעם אנדערען בעסער פארשטעהן.

די פעקטארי, וועלכע מיר האבען באזוכט באלאנגט צו צוויי אידען, די ברידער קאטטענבורג. זי איז איינע פון די גרעסטע רעדי־מייד קלאוק, סוט און רייגקאוט פעקטארים אין האלאנד. עס ווערען אין איהר באשעפטיגט נאהענט פון 700 ארבייטער, פון וועלכע פינף און ניינציג פראצענט זיינען אידען און ארום פינף און זיבעציג פראצענט זיינען מיידלעך.

אין אמסטערדאם וואוינען איבער 60 טויזענד אידען, אבער די מעהרסטע פון זיי באשעפטיגען זיך מיט דיימאנדס, אנדערע אלס הענדלער און אנדערע אלס ארבייטער — דימאנטען שלייפער. די דימאנטען שלייפער יוניאן באשטעהט כמעט אין גאנצען פון אידען. דער פרעזידענט איהרער איז א איד מיט'ן נאמען פאלאק. ביי די לעצטע פראווינציעלע וואהלען איז ער ערוועהלט געווארען אלס סענאטאר אין דעם סאציאלדעמאקראטישען טיקעט. לויט ווי אלידא האט מיר דערצעהלט, איז ערשט איניגע יאהר ווי אידען האבען גענומען שיקען זייערע קינדער ארבייטען ביי שניידעריי, און דאס בלויז אין פעקטארים וואו מען מאכט רעדי־מייד ארבייט, ווייל ביי רעדי־מייד ארבייט קען מען באלד אנפאנגען צו פארדינען. די קאסטימער שניידעריי ליעגט נאך אלץ אין די הענט פון די עכטע האלענדער.

אלידא האט מיר אויך דערצעהלט, אז מיט דעם אריינקומען פון אידען אין די שניידער־שעפער, האט זיך אנגעפאנגען א נייער לעבען אין דעם אמסטערדאמער ברענטש פון שניידער פארבאנד. די אידען, ניט בלויז ווערען זיי אליין יוניאן לייט, נאר זיי טרייען אז די אנדערע ארבייטער פון שאפ זאלען זיך אויך אנשליסען. א שאפ מעג זיין ווער ווייס ווי גרויס, אויב עס ארבייטען דארטען נאר א פאר צעהנדליג אידען, געדויערט שוין ניט לאנג ביז די האלענדער „יענקיס" פאנגען אויך אן אריינצוקומען אין דער יוניאן.

קאטטענבורג'ס שאפ איז א יוניאן־שאפ, אבער א יוניאן שאפ אין האלאנד איז ניט דאסזעלבע וואס א יוניאן שאפ אין ניו יארק אדער אנדערשוואו אין אמעריקא. ביי אונז אין אמעריקא וועט אונזער יוניאן ניט מאכען קיין אגרימענט מיט א מאנופעקטשורער, סיידען דער מאנופעקטשורער וועט איינשטימען צו באשעפטיגען יוניאן לייט, אדער וועניגסטענס צו געבען יוניאן־לייט דעם פארצוג (פרעפערענס); אין האלאנד ענטהאלט דער אגרימענט פון דעם שניידער פארבאנד אלץ אין דער וועלט, אבער קיין ווארט ניט וועגען יוניאן שאפ. ווען איך זאג אלזא אז קאטטענבורג'ס שאפ איז א יוניאן שאפ, מיין איך א יוניאן שאפ אין דעם זינען ווי דאס ווערט פארשטאנען אין האלאנד; דאס הייסט א שאפ אין וועלכען עס ארבייטען יוניאן לייט און ניט יוניאן לייט.

דער שאפ איז זעהר א גרויסער. ער פארנעהמט א גאנצען בלאק און ער איז פארזארגט מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען — מיט א רעסטאראנט און לאנטש־רום פאר די ארבייטער, מיט א זאל וואו אן ארבייטער וואס פאנגט פלוצים אן שלעכט צו פיהלען קען זיך אוועקלעגען אפרוהען אויף א ווײלע. אין דיעזען זאל שטעהט אויך א פיאנא און אויב איך האב קיין מיסטייק ניט, האט מיר מיסטער קאטטענבורג געזאגט, אז אין דיעזען זאל ווערען פון צייט צו צייט געגעבען קליינע קאנצערטלעך פאר די ארבייטער.

אלעס אין דער פעקטארי איז ריין און ציכטיג. די פענסטער ווערען געוואשען א פאר מאל א וואך, די פלארס ווערען געקעהרט עטליכע מאל א טאג, און די ארבייטער געהען אלע אנגעטאן אין א מין גרויען יוניפארם, וועלכער איז אין סטייל עהנליך צו א קיטעל. דיעזע קיטלען ווערען געוואשען און געפרעסט יעדע וואך, אויך צוליעב סאניטארישע אורזאכען.

אלעס איז שעהן און פיין ביז מען קוקט זיך צו צו דעם ארבייטס־סיסטעם וואס דארטען איז איינגעפיהרט, צו די ווייזשעס וואס מען פארדיענט דארטען און צו דעם סארט בעלי מלאכות וואס ארבייטען דארטען. ווען איך האב זיך צו דעם אלעם צוגעקוקט איז מיר געווארען זעהר שווער אויפ'ן הארצען און איך האב געפיהלט ווי א שפיי צו טאן אויף קאטטענבורג'ען, אויף זיין גרויסען און סאניטארישען שאפ און אויף די גארמענטס וואס ווערען דארטען פאבריצירט.

לאמיר געהן כסדר:

1) דער ארבייטס־סיסטעם. דער סיסטעם פון דער ארבייט איז דערזעלבער ווי עס עקזיסטירט אין דער פרינץ־ביעדערמאן פעקטארי פון קליוולאנד. איין גוטער ארבייטער ארבייט אין א „טיעם" מיט עטליכע העלפערס. אזוי איז אין דעם קאטינג דעפארטמענט, אזוי איז אין דעם אפרייטינג דעפארטמענט, פינישינג דעפארטמענט, פרעסינג דעפארטמענט און סעמענטינג דעפארטמענט. דער אונטערשיעד איז נאר דער: ביי פרינץ־ביעדערמאן אין קליוולאנד ווערען די ארויסהעלפערס אויך געדונגען און באצאהלט דירעקט פון דער פירמע, און ביי קאטענבורג'ען ווערען בלויז די גוטע בעלי מלאכות (די העדס פון די טיעמס) געדונגען און באצאהלט דירעקט פון דער פירמע. די ארויסהעלפערס האבען מיט קאטענבורג'ען קיין מגע ומשא ניט. זיי ווערען געדונגען און באצאהלט פון די העד אפרייטארס, העד פינישערס, העד סעמענטערס א. ז. וו., א. ז. וו. אין אנדערע ווערטער: אין האלאנד (ניט בלויז אין קאטענבורג'ס שאפ נאר אין אלע קלאדינג פעקטארים פון האלאנד) עקזיסטירט נאך אלץ דער סיסטעם פון אינסאיד סאב־קאנטראקטינג, וועלכער האט עקזיסטירט אין ניו יארק, ספעציעל אין דעם פרעסער טרייד, בעפאר דעם דזשענעראל סטרייק פון יאהר 1910.

2) די ווייזשעס. אונטער א סיסטעם פון סאב־קאנטראקטינג מוז ווייזשעס זיין נידעריג. דער איינציגער וואס פארדיענט איז דער קאנטראקטאר. אבער אז ווייזשעס זאלען זיין אזוי נידעריג ווי אין קאטענבורג'ס פעקטארי וואלט איך בשום אופן ניט געגלויבט ווען איך וואלט עס ניט געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. שטעלט זיך פאר ווייזשעס פון 4 גולדען א וואך, 3 גולדען א וואך, 2 גולדען א וואך און, זאגאר 1 גולדען א וואך! (א גולדען איז 40 סענט אין אמעריקאנער געלט). און דאס אין א צייט ווען לעבענס־מיטעל איז בראנד טייער, ווען דער קלענסטער פרייז פאר א פאר „לעדערנע" שיך איז 12 גולדען און דער נידעריגסטער פרייז פון רענט איז 8 גולדען א מאנאט פאר 1 צימער, אויסער באלייכטונג און באהייצונג!

די קאנטראקטארס פארדיענען מעהר. איך האב גערעדט מיט קאנטראקטארס וואס פארדיענען 30, 40 און אזוי הויך ווי 50 גולדען א וואך! אבער ווען מען האט אין זינען אז פאר דעם גולדען קען מען אין האלאנד קויפען בלויז אזוי פיעל וויפיעל אין אמעריקא פאר 40, העכסטענס פאר 50 סענט, מוז מען מיט די קאנטראקטארס אויך סימפאטיזירען.

איינעם פון די סעמענטער קאנטראקטארס האב איך איינגעלאדען צו מיר אין האטעל און האב מיט איהם געהאט א לאנגען געשפרעך. איך האב איהם דערצעהלט אז אין אמעריקא פארדיענט א סעמענטער ביי די איינפאכסטע רעגענמאנטלען ניט וועניגער ווי 44 דאלאר א וואך (האלענדישע 112 גולדען) און איך האב איהם געפרעגט ווי אזוי ער קאן לעבען מיט 40 גולדען א וואך און נאך סמוקען סיגארעטס און טראגען א ווייסען קראגען. איך האב איהם געפרעגט ווי גרויס זיין פאמיליע איז, וויפיעל רומס זיי האבען א. ז. וו., א. ז. וו.

זיין ענטפער איז געווען, אז זיין פאמיליע באשטעהט פון פינף — זיין פאטער, מוטער, ער און נאך צוויי גרויסע קינדער; אז זיי וואוינען אין צוויי צימערען, אן עס־צימער און א שלאף־צימער, פאר וועלכע זיי צאהלען 18 גולדען א מאנאט, אויסער באלייכטונג און באהייצונג. דאס קאסט זיי נאך פינף גולדען א מאנאט.

— פינף גרויסע מענשען אין איין שלאף צימער? — האב איך איהם אונטערבראכען. — איהר שלאפט אלע פינף, פאטער, מוטער און דריי גרויסע קינדער אין איין קאמער?

דער יונגערמאן האט פארשטאנען צו וואס איך ציעלעווע מיט מיין פראגע און ער איז רויט געווארען. — דער עס־צימער איז בלויז אן עס־צימער דורכ'ן טאג, ביינאכט באנוצען מיר איהם אויך אלס שלאף־צימער, — האט ער מיר געענטפערט.

— מיין פאטער, — האט ער מיר ווייטער געזאגט, — איז א דיאמאנטען־שלייפער און פארדיענט 45 גולדען א וואך און די אנדערע צוויי קינדער פארדיענען אויך צו 10—12 גולדען א וואך. אלע צוזאמען פארדיענען מיר ארום הונדערט גולדען א וואך, מאכען מיר אלזא א לעבען און שפארען נאך א גולדען אויך.

און וואס איז מיט פאמיליען וואס באשטעהען בלויז פון דעם מאן, די פרוי און א פאר קינדער וואס זיינען נאך צו קליין צו געהן ארבייטען? ווי אזוי לעבען זיי — האב איך איהם געפרעגט.

יענע וואוינען אין איין צימער. דער מאן רויכערט ניט און טראגט ניט קיין ווייסע קראגענס און די פרוי געהט קיינמאל פון הויז ניט ארויס, — איז געווען זיין ענטפער קורץ און שארף.

3) די בעלי מלאכות וואס ארבייטען דארטען. עס פארשטעהט זיך, אז ערוואקסענע מענשען וועלען ניט ארבייטען פאר אזעלכע ווייזשעס ווי 1 גולדען, 2 גולדען, 3 גולדען אדער 4 גולדען א וואך. איז ווער זיינען די בעלי מלאכות וואס ארבייטען פאר די סאב־קאנטראקטארס? קינדער!

איך בין אריינגעקומען אין קאטענבורג'ס פעקטארי, און וואו איך האב א ווארף געטאן די אויגען האב איך געזעהן קינדער אין גרויע קיטעלעך. און אזוי ווי די קיטעלעך מאכט זיי אויסזעהן נאך יונגער און קלענער ווי זיי זיינען, האב איך ווירקליך געמיינט, אז איך געפין זיך צווישען ליליפוטען. דעם איינדרוק וואס דאס האט אויף מיר געמאכט איז פאר מיר ניט מעגליך צו באשרייבען. איך בין געווארען ווי פארשטיינערט.

איך האב געפרעגט אלידא'ן אויב אין האלאנד איז ניטא קיין געזעץ וואס פארוועהרט קינדער־ארבייט, און זי האט מיר ערקלעהרט, אז אזא געזעץ איז דא, אבער אז דער „אידזש לימיט" איז 13 יאהר. זי האט מיר אויך ערקלעהרט אז אלע קינדער וואס איך זעה דא אין שאפ זיינען שוין 13 יאהר אדער עלטער.

ווען איך הער עס ניט פון [illegible] וואלט איך געשווארען אז צעהנדליגע פון די באיטשיקלעך און מיידעלעך וואס זיינען געזעסען ביי די מאשינען, אדער גענעהט ביין האנד, אדער ארויסגעהאלפען די סעמענטער קאנטראקטארס, זיינען נאך קיין צעהן יאהר ניט אלט, אזוי קליין און יונג האבען זיי אויסגעזעהן. פיעלע פון זיי האבען אין די קיטעלעך אויסגעקוקט ווי בייבים.

* * *

אט אזוי מאכט מען קליידער אין האלאנד. ווען מיסטער קאטענבורג האט מיר דערצעהלט אז ער פארקויפט זיין וואארע איבער גאנץ אייראפא און אז פאר דער מלחמה פלעגט ער זאגאר אין אמעריקא פארקויפען פאר צעהנדליגע טויזענדער דאלארס א יאהר ריינקאוטס, ניט אכטענדיג אויף דעם הויכען טאריף וואס מיר האבען אין אמעריקא, האב איך אין זיינע רייד ניט געצווייפעלט.

איז דאך אלזא א פראגע וואס האבען אויפגעטאן די יוניאנס פון האלאנד וועלכע האבען אין דיעזען מאמענט א מעמבערשיפ פון 600,000, וואס דאס איז צעהן פראצענט פון דער גאנצער האלענדישער באפעלקערונג? (אין די פאראייניגטע שטאאטען איז דער פראצענט פון ארגאניזירטע ארבייטער נאך עטוואס וועניגער ווי פיער פראצענט פון דער באפעלקערונג). וואס האט אויפגעטאן די האלענדישע סאציאלדעמאקראטישע פארטיי, וועלכע איז יעצט די צווייטע גרעסטע פאליטישע פארטיי אין לאנד און האט אין די אלגעמיינע וואהלען פון יאהר 1981 ערוועהלט 22 פון די 100 אפגעארדענטע אין דעם דארטיגען רייכסטאג?

וועגען דעם האב איך געהאט זעהר לאנגע געשפרעכען פריהער מיט עדא פימען, דער סעקרעטער פון דר האלענדישער פעדערייישאן אוו לייבאר, וועלכער איז אויך איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער פון דער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי, און נאכהער מיט איינעם פון די רעדאקטערע פון דעם אמסטערדאמער סאציאליסטישער טעגליכער צייטונג „העט פאלק", גענאסע פאללאק.

די ערקלעהרונגען וואס זיי האבען מיר געגעבען איבער דער לאגע אין האלאנד זיינען געווען אזעלכע גרינדליכע, אז איך בין געווארען פאלשטענדיג איבערצייגט, אז ווען ניט די טרייד־יוניאנס און די סאציאליסטישע פארטיי, וואלט די לאגע אין האלאנד געווען נאך פיעלע, פיעלע מאל ערגער. מיט זייערע ערקלעהרונגען האבען זיי אויך נאך שטארקער באפעסטיגט מיין גלויבען און איבערצייגונג אין דער נויטווענדיגקייט אז די טרייד יוניאנס און די סאציאליסטישע פארטיי פון יעדען לאנד מוזען ארבייטען האנד אין האנד, ניט אזוי ווי עס איז יעצט אין אונזער אמעריקא; און אז דעם ארבייטער'ס טעטיגקייט בלויז אויפ'ן עקאנאמישען געביעט וועט איהם פון זיינע קייטען ניט באפרייען.

דעם געשפרעך מיט ברודער און גענאסע פימען, וועל איך טרייען איבערגעבען אין א באזונדערען ארטיקעל, אדער יעצט, פון אונטערוועגענס, אדער ווען איך וועל זיך האבען צוריקגעקעהרט אהיים.

ב. שלעזינגער.

צו אלע מיטגליעדער פון דער אינטערנעיישאנאל.

אלע מיטגליעדער פון די קלאוקמאכער, ווייסט מאכער און ריפער מאכער יוניאנס וועלען זיך באגעגענען ביי דעם באלל פון די הויז דרעס, קימאנא און בעטהראב מייקערס יוניאן, לאקאל 41, וועלכער וועט שטאטפינדען דעם 17טען יאנואר, 1920, אין סטייוועסאנט קאסינא, 142 סעקאנד עוועניו.

צווישען די באזוכער וועלען זיין איניגע פון די דזשענעראל אפיסערס פון דער אינטערנעיישאנאל און אנדערע פראמינענטע פיהרער פון דער ארבייטער באוועגונג.

מוזיק פאר טאנצען וועט געשפיעלט ווערען ביי פראפ. שילער'ס יוניאן באנד. איינטרים, אריינרעכענענדיג העט־טשעק און וואר טעקס, איז נאר פופציג סענט.

אויב איהר ווילט פארברענגען, באגעגענען אלטע פריינד און מאכען נייע, קומט צו דיעזען באל.

געדענקט, דיזען שבת, דעם 17טען יאנואר, אין סטייוועסאנט קאסינא, 142 סעקאנד עוועניו.

געמופט!

דער אפיס פון דער קאסטאם דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 90, האט געמופט פון „פארווערטס" בילדינג אין 725 לעקסינגטאן עוועניו, קארנער 58טע סטריט.

די מיטגליעדער פון דער יוניאן זיינען געבעטען דאס צו נעהמען אין אכט.

אכטונגספאל,

ה. גילבערמאן, מענעדזשער.

זאלט ארויין אין דער פארטיי.

ריינקאוו האט פארקנייטשט דעם שטערן.

אין דער פארטיי? — זיצט. ערשט נעכטען איז דא געווען זאלמאנאוויטש מיט [illegible]גים'ען אויך וועגען דעם ענין — פאר וואס ניט? מהיכי תיתא, אודאי דארף מען ארייין. ווען מיטעט איהר?

— זונטאג. זונטאג מיטען מיר, זונטאג אווענט.

— זונטאג אווענט? זעהר א גוטער אווענט, — הא זיך ריינקאוו א כאפ געטאן, — זונטאג איז פאר מיר זעהר פאסענד! א פרייער אווענט ביי מיר. איך קען אריינקומען אפילו נאך היינט. זונטאג, אן אויסגעצייכענטער אווענט! איך קום היינט און ווער א מיטגליעד.

און אויף מארגען ווען עס זיינען געקומען די מיטגליעדער פון די פ. צ. צו ריינקאוו'ן מיט א טענה: „סטייטש, מיסטער ריינקאוו, איהר האט פארשפראכען אז איהר קומט ארייין צו אונז? איהר זייט דאך פון תמיד אן א אונזעריגער, וואס האט עפעס אט אזוי־א בייטען זיך אין איין „שמע ישראל"?!

האט ריינקאוו אויפגעציוגען מיט די אקסעל: ווער בייטען, וואס בייטען? רבונו של עולם, ווער האט זיך געביטען?! אט, איהר פארשטעהט, גלאט עס איז מיר ביי זיי באקוועמער. מחמת זיי מיטען זונטאג. מיטען זיי, און איהר מיטעט דאנערשטאג, דאנערשטאג בין איך פארנומען. איז בין איך ארויין צו זיי, זונטאג איז פאר מיר זעהר א פאסינגער אווענט, אבער ווייטער, וואס נאך אלעמען, איך פרעג אייך אליין, איז מיר הא דער אונטערשיעד? ווען איהר מיטעט זונטאג וואלט איך מיט'ן גרעסטען פארגעניגען ארייין צו אייך. איך האב עפעס צו אייך, האב איך? אדרבא!...

אין דער טעאַטער וועלט

נאָרקי'ס „נאַ דניע" (אויפ'ן אָפּגרונד) וואָס מיר האָבען געזעהן מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק אין אירווינג פּליים טעאַטער, איז אַ טענדענץ־פּיעסע. עס ווערט פון איהר אַ טיעפער גלויבען אין דעם מענשען.

די גאַנצע פּיעסע האָט די גאַנץ קלאָרע אַבזיכט צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם געדאַנק, אַז עס זיינען ניטאָ אין דער אמת'ען קיין דורך און דורך פאַרדאָרבענע מענשען צווישען די, וועמען די געזעלשאַפט באַטראַכט אלס איהרע „אויסוואורפען", און וועלכע ליגען שוין אויפ'ן סאַמע אָפּגרונד פון לעבען. פון אויבען־אויף שיינט עס, אַז די דאָזיגע מענשען האָבען מעהר ניט, ווי זייער מענשליכע צורה, אַז אין אלע אנדערע הינזיכטען האָבען זיי פאַרלאָרען אַלעס מענשליכע; עס איז זיי, דוכט זיך, אין גאַנצען פרעמד דאָס שטרעבען צו עטוואָס העכערעס, ווי נאָר אָנצופּילען זייערע מאָגענס. געוויסען, עהרע — דאָס זיינען פאַר זיי גאַנץ פרעמדע באַגריפע. זיי לאַכען זיך אויס פון דעם. זיי ווייסען ניט, צו וואָס מען דאַרף עס. זיי ערקלעהרען זיי פאַר לוקסוס־זאַכען, וועלכע זיי קענען זיך ניט פאַרגינען. אָבער גאָרקי זעהט פיעל טיעפער, ווי די ציניש מאַסקע, מיט וועלכער די מענשען האָבען זיך פאַרדעקט. ער הויבט אויף די שמאַטעס, דעם שמוץ און שמויב, וואָס האָט זיך ארומגעוויקעלט ארום זייערע נשמות, און ווייזט אונז, אַז כאָטש באַשערינטע, אָבער דאָך לעבען זיי זייער גאַנץ שטאַרקען לעבען.

פאַרשטעהט זיך, אַז ווען גאָרקי וואָלט עס אונז בלויז געזאָגט אין ווערטער, וואָלטען מיר גענומען איהם ניט גלויבען, כאָטש ווייניגע וואָלטען געווען אַזוי באַרעכטיגט צו אַזאַ מיינונג, ווי גאָרקי, וועלכער איז געווען אַליין איינער פון דיעזע אָפּגרונד־מענשען. אָבער גאָרקי קומט צו אונז מיט זיין גרויסען מעסערזש, אלס קינסטלער. ער גיט אונז בילדער, וועלכע זיינען ווירקליך איבערצייגענד. ער שילדערט פאַר אונז אַ גאַנצע רייהע כאַראַקטערע, אין דער ריכטיגקייט פון וועלכע מיר קענען ניט צווייפלען. דערפאַר איז די פּיעסע „נאַ דניע" ניט נאָר אַ גרויסע דרשה, נאָר אַן אמת'ע קונסט־ווערק.

גאָרקי האָט אָנגעשריבען נאָך אַ פּיעסע, אונטער דעם נאָמען „מיעשטשאַניע" (קליינבירגער) און דער חילוק צווישען „נאַ דניע" און „מיעשטשאַניע" איז ווי דער חילוק צווישען טאָג און נאַכט. אין „נאַ דניע" קומט פאַר די האַנדלונג אין אַ קעלער און צווישען מענשען, וועלכע ווערען באַטראַכט פאַר די אויסוואורפען פון דער געזעלשאַפט, און דאָך שטראַהלט פון איהר ארויס ליכט און האָפנונג. אין דער פּיעסע „מיעשטשאַניע" אָבער איז די אטמאָספערע אַ שטיקענדע. דער מאַטעריעלער קאָמפאָרט איז דאָ, אָבער עס פעהלט יעדע שפור פון אַן אמת־גייסטיגען לעבען.

די ליכט און זונענשיין אין דעם קעלער ברענגט אריין אַ וואַנדערער, אַ וואָגאַבונד. ער, מיט זיין גרויסער לעבענס־ערפאַהרונג, מיט זיין טיפען פאַרשטעהן פון די מענשען און זייערע ליידען, פאַרוואַנדעלט פאַר זיי די פעסט־לאַך אין כמעט אַ פּאַלאַץ.

דער וואַנדערער לוקאַ איז אַ סימבאָלישע פיגור. מען ווייס ניט, פון וואַנען ער איז געקומען, און וואוהין ער וועט אוועקגעהן. ער קומט אָבער אין דעם קעלער גראָדע אין דעם מאָמענט, ווען ער איז פול מיט פינסטערען יאוש, און ווען עס איז גאָרנישט ווייט דערפון, אַז עס זאָל דאָרט באַגאַנגען ווערען אַ שווערער פאַרברעכען, אַ מאָרד. ער קומט, אַזוי ווי אַ מלאך פון הימעל, צו טרייסטען די פאַרונגליקטע, צו ערוועקען אין די מענשען האָפנונג אויף עטוואָס שעהנערעס, בעסערעס, ארויסצורופען אין זיי ווידער אַמאָל זייער מענשענווירדע.

עס איז לייכט צו באַגרייפען, אַז צווישען מענשען, וועלכע זיינען שוין אין גאַנצען ברוטאַליזירט געוואָרען, וואָלט דער וואַנדערער, לוקאַ, גאָרנישט געקענט אויפטאָן. זיי וואָלטען ניט לאַנג געקענט פאַרטראָגען זיינע גאָרנישע רייד, זיי וואָלטען ניט געהאַט קיין געפיהל פאַר זיינע מעשה'לעך פול מיט לעבענס־חכמה. ער, לוקאַ, קריגט אויף זיי אַ שטאַרקען איינפלוס, ווייל אין אַלע די קעלער־מענשען לעבט נאָך גאַנץ שטאַרק דער בעסערער מענש, דאָס העכערע שטרעבען. דאָס מענשליכע אין זיי, כאָטש אין אַ פאַרחלש'ען צושטאַנד, לעבט דאָך אין זייערע הערצער. דערפאַר איז לוקאַ די הויפּט געשטאַלט אין דער פּיעסע. לוקאַ איז, זאַ צו זאָגען, די פאַרקערפּערונג פון דעם געוויסען פון אַלע די געזונקענע מענשען.

יעדער איינציגער פון אַלע די מענשען האָט זיך עטוואָס גאַנץ אייגענטימליכעס, און גאָרקי האָט אין זיין פּיעסע געשילדערט אַ גאַנצע גאַלערע פון מענשליכע כאַראַקטערע, אָבער פאַרשידען ווי זיי זיינען, זיינען זיי אַלע מענשען, וועלכע האָבען אין לעבען ארויסגעצויגען דעם שלעכטען גורל, און דאָס האָט זיי אַלע צוזאַמענגעבראַכט אין קעלער. לוקאַ איז דער שטראַהל ליכט, וועלכער דערוואַרימט אַלע זייערע שוין כמעט פאַרפראָרענע נשמות.

אין דעם קעלער מאַטערט זיך אין איהרע לעצטע גסיסה־שטונדען אַ שווינדזיכטיגע פרוי. עס איז שווער איהר צו שטאַרבען, כאָטש דאָס לעבען איז געווען פאַר איהר אַזוי ביטער, ווי גאַל. קומט לוקאַ און מאַכט איהר לייכט דעם טויט. ער דערצעהלט איהר פון אַ וועלט, אין וועלכער זי וועט ערשט אריינקומען, און וואו זי וועט געניסען דאָס גוטע און שעהנע, נאָך וועלכעס איהר הארץ געלוסט. לוקאַ אַליין גלויבט ניט אין דעם, וואָס ער דערצעהלט. ער ווייס, אַז עס איז אַ ליגען. אָבער, אויב דער ליגען קען אירגענד פאַר אַ מינוט גליקליך מאַכען, איז דער ליגען אַ זעהר גוטע זאַך. לוקאַ מיט זיינע מעשיות, מיט וועלכע ער פאַרזיסט די לעצטע שטונדען פון דער נוסס'ער פרוי איז ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי דער פרוי'ס איינענער געוויסען. זי, כדי דער טויט זאָל איהר ניט אויסקומען אַזוי שרעקליך, וואָלט אַליין געמוזט זיך אָפּנאַרען, איינריידען, אַז דער טויט וועט איהר באַצאָהלען פאַר אַלץ, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטען אין לעבען. לוקאַ איז נאָר דאָ דער אויסדרוק פון דעם אינערליכען וואונש פון דיעזער אונגליקליכער.

אין דעם קעלער איז דאָ צווישען אַנדערע אַ געוועזענער אַקטיאָר, וועלכער האָט רואינירט זיך און זיין קאַריערע דורך שכרות און הולטאַיסטוואָ. דער דאָזיגער אַקטיאָר איז אָבער נאָך ניט אַזוי געזונקען, אַז ער זאָל שוין האָבען פאַרגעסען וואָס ער איז אַמאָל געווען, און דאָס מעהר ליידט ער. קומט לוקאַ און ברענגט איהם די טרייסט, אַז ערגעץ־וואו איז דאָ אַן אנשטאַלט, וואו מען קען איהם אויסקורירען פון זיין גרויסען שנאַפּס־דורשט, און, כאָטש ניט אויף לאַנג, אָבער דאָס מאַכט ווידער דעם פאַרטרעמפּטען און פאַר'שכור'טען אַקטיאָר צום מענשען.

און דאָס זעלבע איז מיט דעם גנב פון זיין קינדהייט אָן, וואַסקאַ פעפעל, מיט דער מידעל נאַסטיאַ, מיט דעם באַראָן און מיט אַלע אַנדערע.

עס איז ניטאָ קיין פיעל האַנדלונג אין דער פּיעסע, און וואָס קען דען זיין פאַר אַ לעבען אין קעלער, וואו די מייסטע מענשען זיינען קראַנק גייסטיג און קערפּערליך? קריגט מען אַביסעל בראָנפען און אַ שטיקעל ברויט דערצו, איז דער קעלער פול מיט „לעבען". און איז עס ניטאָ, רעדט מען און מען פאַנטאַזירט וועגען דעם. זיינען דאָ אַ פּאָר גראָשען, שפּיעלט מען אין קאָרטען, און אַהן אַ סקאַנדאַלכעל, אַ שווינדעל געהט עס ניט אָפּ. דאָס איז, ווי זיי פאַרברענגען זייער צייט. אויך איז ניטאָ פיעל פּלאַץ אין קעלער פאַר ליעבע און ליעבעס־סצענען, ווי אין אַנדערע פּיעסען, דאָס ביסעלע וואָס איז דאָ איז אָדער ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע אָדער איז פּשוט פול מיט עקעל און שמוץ. דערפאַר קען מען די פּיעסע „נאַ דניע" ניט אורטיילען מיט דער זעלבער מאָס ווי אַנדערע פּיעסען. עס איז אַ רייהע אָנגעוואָרפענע בילדער פון מענשען, וועלכע, כאָטש מיט זייערע קערפּער וואַלגערען זיי זיך אין דעם טיעפסטען שמוץ, וועלכער האָט אויך שטאַרק אריינגעדרונגען אין זייערע נשמות, אָבער דאָך ניט אין גאַנצען אויפגעפרעסען זיי. איין שטראַהל ליכט, און דאָס נשמה'דיגע אין מענשען ווערט אַזוי ווי אויסגעליטערט. די איינציגע צוויי מענשען, ביי וועלכע גאָרקי ענטדעקט גאָרניט פון אַט דאָס הייליגע ביים מענשען, זיינען עס ניט לוקאַ די טרעמפּס, די, וועמען די געזעלשאַפט האָט פון זיך אויסגעשפּיגען, נאָר דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע פון דעם קעלער. דער אייגענטימער פון קעלער — דאָס איז אַ שמוציגער פּאַראַזיט, וואָס לעבט און נעהרט זיך אויף דעם עלענד פון אַט די אונגליקליכע. אַזוי איז אויך זיין פרוי, וואָס פיהרט אַ ליבע מיט דעם יונגען שעהנעם גנב, וואַסקאַ פעפעל. און פאַרגלייכט מען, למשל, אַט די ביידע, ווי פיעל ערהאַבענער און טיעף־מענשליכער איז אַט דער גנב איבער זיין ליובאָוויניצע, וואַסיליסאַ קאָרפּאָווּנאַ.

אַט דאָס איז דער אינהאַלט פון גאָרקי'ס „נאַ דניע".

די דאָזיגע פּיעסע, לויט אונזער מיינונג, קען ברענגען איינעם פיעל מעהר גענוס, ווען ער וועט איהר לייענען אין בוך, ווי ער וועט איהר זעהן שפּיעלען אויף דער ביהנע. דער הויפּט־חן פון דער פּיעסע איז איהר אוצר פון געדאַנקען, שעהנע ווערטער, אויף וועלכע דער לעזער זאָל און קען זיך אָפּשטעלען ווען ער לייענט זיי; וועלכע אָבער געהען פאַרלאָרען פאַר איהם אין אַ שטאַרקער מאָס, ווען ער הערט זיי פון דער ביהנע. דערפאַר קען זי ניט זיין פאַר אַ לענגערער צייט אַ גרויסער ביהנען־ערפאָלג. אָבער זי פאַרדיענט זיכער געשפּיעלט צו ווערען פון צייט צו צייט אלס איינע פון די פּיעסען מיט אַ גרויסען מעסעדזש פאַר די מענשהייט. מעגען די צוהערער ניט אַלעס געדענקען, וואָס זיי הערען ריידען פון דער ביהנע, אָבער אויב עס בלייבען ביי זיי נאָר איינינע שעהנע געדאַנקען, ווי אויך די אַלגעמיינע שטימונג, לוינט זיך עס זיכער די מיה איהר אויפצופיהרען.

אויפגעפיהרט געוואָרען איז די פּיעסע אין אירווינג פּליים טעאַטער אויסגעצייכענט. די מענעדזשמענט פון טעאַטער האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה ארויסצוברענגען אַלעס, וואָס מען קען נאָר ארויסברענגען פון דער פּיעסע דורך אַ געטרייער רעאַליסטישער אויפפיהרונג און שפּיעלען. אַלע אַקטיאָרען האָבען געטאָן זייער בעסט. שוואַרץ האָט געשפּיעלט אַ זעהר גוט־דורכגעטראַכטען לוקאַ. סאַמאָילאָוו, שאַכט און די איבעריגע האָבען געשפּיעלט זייערע ראָלען ווירקליך גוט. מיר ווילען דאָ בעזאָנדערס דערמאָנען דאָס גוטע שפּיעלען פון חנה האַלענדער אלס נאַסטיאַ. זי איז נאָך גאָר אַ יונגע אַקטריסע, און ביז דעם איצטיגען סעזאָן האָט זי געשפּיעלט אין די קלענערע טעאַטערע און מען האָט פון איהר שפּיעלען גאַנץ וועניג געוואוסט. ווי עס שיינט, האָט זי טאַלאַנט, און מען מעג האָפען, אַז מיט דער צייט וועט זי זיין איינע פון אונזערע בעסערע אַקטריסעס. אויך האָט גאַנץ גוט געשפּיעלט זיין ראָלע אלס אַקטיאָר אברהם טייטעלבוים, וועלכער איז נאָך גאָר ניי אויף אונזער ביהנע. אויב ער וועט אין אַנדערע ראָליען שפּיעלען אַזוי גוט, ווי אין דער ראָליע, וועט צו אונזער ביהנע האָבען צוגעקומען נאָך אַ גוטער אַקטיאָר.

דער קריטיקער.

אַט איבער וואָס!

(ערצעהלונג.)

פון מ. שמואלזאָהן.

די פּ. צ. און ס. ד. פּ. פון ס., אַ קליין שטעטיל אין דער פּראָווינץ, וועלכע האָבען פון אַלע יאָהרען געאַרבייט פאַר איין פּלאַטפאָרם און פאַר די זעלבע קאַנדידאַטען, — זיינען דאָס יאָהר אין פּרינציפּ זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

די פּ. צ. האָבען פאַר די וואַהלען, ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג באַשלאָסען שריפטליך אויפצופאָדערן דעם קאַנדידאַט פון דער ס. ד. פּ. מיסטער באַקאַליעניק, ער זאָל ארויסקומען מיט קלאָרע דבורים: צי ער וועט אין זיין אמט פאַרטרעטען די אַלגעמיין אידישע אינטערעסען און צי ער איז אין פּרינציפּ ניט געגען אַ אידישער היים אין פּאַלעסטינאַ? און אַזוי ווי מיסטער באַקאַליעניק, דער קאַנדידאַט, האָט זיך פון די פראַגען אויסגעדרעהט אויף דיפּלאָמאַטישע אונטערוועגלאַך, און אַזוי ווי פון געוויסע פּריוואַטע האַנדלונגען איז ער אין אַזעלכע ענינים געווען פאַרדעכטיג, איז געבליבען ביי די פּ. צ. זיי זאָלען ארויסשטעלען זייער אייגענעם קאַנדידאַט.

קיין פּאַסענדען קאַנדידאַט האָבען די פּ. צ. ביי זיך צווישען די מיטגלידער ניט געהאַט און דער גאַנצער אויסקוק איז געווען אויף ריינקאָוו'ן.

ריינקאָוו איז אַפילו קיין פּאַרטיי מיטגליעד ביי די פּ. צ. נאָך ניט געווען, זיי זיינען אָבער געווען זיכער אַז ער איז זייערער. מען וועט מיט איהם אַ שמועס טאָן וועט ער אריין אין דער פּאַרטיי.

די פּ. צ. האָבען ריינקאָוו'ן גוט געקאַנט. ער פּלעגט קומען צו זייערע אַלע פאַרזאַמלונגען, צו זייערע אַלע אונטערנעהמונגען און ער פּלעגט זיך גאַנץ אָפט לאָזען קאָסטען אַ דאָלער — ריינקאָוו איז אַ פּ. צ.

האָט מען ביי די פּ. צ. געמאַכט אַ באַנקעטעל פאַר עפּעס אַ „גדול", איז ריינקאָוו דאָרט אַ גאַנץ נאָהענטער מחותן. געזעסען אויבען אָן, געזונגען צוזאַמען די „התקוה" און די „שבועה" און ביי די „טאָאַסט" רעדען האָט מען ריינקאָוו'ן קיין מאָל ניט פאַרמיילט — חבר ריינקאָוו.

און אַז ריינקאָוו פּלעגט קריגען „דאָס וואָרט" האָט ער גערעדט מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ פייער פון'ם פּ. צ.'יסטישען אידעאַל, אַז ממש מען האָט געזעהן בחוש אַז דער יונגערמאַן איז אַ איבערגעגעבענער פּ. צ. פון די קנעכלעך ביז די האָר פון'ם קאָפּ.

— פאַר וואָס זאָלט איהר, מיסטער ריינקאָוו, ניט אריין צו אונז אין דער פּאַרטיי?

אויף אַזאַ פראַגע, האָט ריינקאָוו אַ ציה געטאָן מיט'ן אַקסעל, אַ שמייכעל געטאָן מיט הנאה פון דער איינלאַדונג, און געענטפערט: „איך ווייס, מען וואָלט טאַקע באַדאַרפט אַמאָל אריין. ניטאָ קיין צייט... [illegible] פּאַרנסה'ן. מען באַדאַרף זיך אַמאָל אָפּרייסען.

האָבען זיך די פּ. צ. פון דעם תירוץ צופרידענגעשטעלט. זיי האָבען געוואוסט, אַז ריינקאָוו איז ווירקליך אַ פאַרנומענער מענש מיט געשעפטען, מיט עסקים. מילא, וואָס מאַכט עס אויס? איז ער ניט אין דער פּאַרטיי, אַבי ער איז זייערער, מען וועט איהם נויטיג דאַרפען — וועט ער אריין.

אַצינד אָבער איז אָנגעקומען די נויטיגע צייט. און עס איז געבליבען ביי די מיטגלידער פון די פּ. צ. איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ריינקאָוו מוז ווערען אַ פּאַרטיי מאַן און מוז אָננעהמען די קאַנדידאַטור.

וועגען דעם צוועק איז, — ביי אַ אָפּענעם פאַרזאַמלונג, וואָס איז כמעט ספּעציעל פאַררופען צוליעב דעם — ערוועהלט געוואָרען אַ קאָמיטע פון דריי וואָס האָט זיך באַדאַרפט זעהן מיט ריינקאָוו'ן און ברענגען אַ באַריכט.

קיין סך ארבייט מיט ריינקאָוו'ן האָט די קאָמיטע ניט געהאַט.

— אריין אין דער פּאַרטיי? פאַר וואָס ניט? מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען!

— איז וואָס איהר קומט צום מיטינג? מיר... מיר וועלען אייך דאָרט מיט עפּעס איבעראַשען!...

— אודאי! וואָס הייסט איך וועל ניט קומען?! כאָר אַהן איבעראַשונגען... איך וועל קומען! ווען זאָגט איהר איז דער מיטינג?

— דאָנערשטאָג. יעדען דאָנערשטאָג אָוונט.

— דאָנערשטאָג?

ריינקאָוו האָט פאַרקנייטשט דעם שטערען: דאָנערשטאָג?! דאָנערשטאָג איז אַפילו פאַר מיר ניט זעהר קיין פּאַסענדער אָוונט, מחמת דאָנערשטאָג בין איך גראָדע גאַנץ אָפּט פאַרנומען. אָבער וואָס, שייך איהר וועט דאָך ניט געהן מאַכען פון מיינעם וועגען, איך מיין... איז וועל איך... געוויס, נו... איך וועל קומען... אודאי וועל איך קומען!

האָט זיך די קאָמיטע פון די פּ. צ. אומגעקעהרט צוריק מיט'ן באַריכט און אַלע מיטגלידער זיינען געווען זעהר צופרידען, צופרידען אין צווייען. אי דערפון וואָס זיי האָבען צוגעקראָקען אַזאַ וויכטיגען „חבר", איז דערפון וואָס זיי וועלען האָבען אַזאַ וויכטיגען קאַנדידאַט — ריינקאָוו!

אויף מאָרגען האָט זיך די גאַנצע געשיכטע צוטראָגען איבער'ן שטעטעל, ביז עס איז אָנגעקומען צו די מיטגלידער פון די ס. ד. פּ. און אַלע מיטגלידער פון די ס. ד. פּ. האָבען דאָס בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן.

— וואָס הייסט דאָס? ריינקאָוו אַ פּ. צ.! ריינקאָוו! ער איז דאָך אַ אונזעריגער! קומט צו אונזערע פאַרזאַמלונגען, צו אונזערע אונטערנעהמונגען, צו אונזערע באַנקעטען — ריינקאָוו איז אַ ס. ד. פּ.'ניק פון קאָפּ ביז די פיס! און איינינע פון די מיטגלידער האָבען זיך אונטערגענומען זיי זאָלען איהם נאָך די וואָך אריינגעהמען אין דער פּאַרטיי. ריינקאָוו אַ פּ. צ.? דאָס איז פּשוט אַ בלאָף! ווער געדענקט ניט ריינקאָוו'ס רעדע ביים באַנקעט פון גענאָסע בולקין? יענער איז אַ פאַרברענטער ס. ד. פּ.'ניק.

און טאַקי נאָך דעם טאָג, זונטאָג איז דאָס געווען, האָבען זיך אַוועקגעלאָזט די דאָזיגע מיטגלידער פון די ס. ד. פּ. צו ריינקאָוו'ן.

— מיר זיינען געקומען, מיסטער ריינקאָוו, צו אייך, איהר ווייסט דאָך עס איז פאַר די וואַהלען, אַצינד נויטיגען מיר זיך אין פּאַרטיי מיטגלידער. ווילען מיר איהר

די

סטייט באַנק

דעפאזיטארי פון די יונייטעד סטייטס גאווערנמענט

סטייט און סיטי או ניו יארק

יונייטעד סטייטס פאסטאל סיווינגס פאַנד

יעצט איז די צייט איהר זאָלט אויך ווע־
רען איינער פון אונזערע דעפאזיטארס

לייגט ניט אָפּ

אלע נלעדער דעפאזיטעט ביז דעם 10־
טען יאנואר ברענגען אינטערעסט
פון 1טען יאנואר

פאָרעין דעפּאַרטמענט

די וואס ווילען העלפען זייערע קרובים אין אויסלאנד, בעזאָנדערס אין פוילען, רומעניע, גאליציע, און טשע־כא־סלאוואקיע, קענען שיקען געלד מיט די ביליג־סטע רעיטס דורך דער סטייט באנק.

אונזערע טשעקס ווערען איבעראל אויס־
געצאָהלט

The State Bank

376 און 378 גרענד סטריט, ניו יארס

ברענטשעס:

100 עסעקס סטריט; 7 וועסט 26טע סטריט;
1400 פינפטע עוועניו;
158־טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס
פיטקין און סטאון עוועניוס, ברוקלין.
גרעהעם עוועניו און ווערעט סטריט, ברוקלין.

פינפטער גרויסארטיגער יעהרליכער

רעספּעפּשאַן און באַל

פון די

האוז דרעס, און קימאָנאָ מייקערס יוניאָן

לאָקאל 41 א. ל. ג. וו. יו.

וועט געהאלטען ווערען

שבת, יאנואר 17טען, 1920

אין סטייוועסאנט קאסינא, 142 צווייטע עוו.

מיוזיק ביי פּראפעסאר שילער — דזשעס בענד.
איינטריט, העט טשעק און ווארטעקס 50 סענט.

דעזיינערס פון פרויען־קליידער ווערען איבע־ראל פארלאנגט

אן אנשטענדיגע שטעלע פאר יעדען מאן אדער פרוי. — גרינג צו לערנען — בעצאָלט זיך גוט.

אויך איהר קענט לערנען דעזיינינג און ווערען אן ערפאָלגרייכער דעזיינער

מענער און פרויען פער־דינט מעהר געלד.

נעמט אויף א פראקטישען קורס און אונטערריכטונג אין מיטשעל־סקוהלס.

אין דעזייניננ פון פרויענס, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס פון אונטערריכטונג אין די מיטשעל'ס סקולס מיינט א באלדיגע שטעלע און מעהר געהאַלט. די מיטשעלס סקולס פון דער זייניננ, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג זיינען געגריגדעט געווארען מעהר ווי 50 יאהר אָ, האבען ערגרייכט נייע געדאנקען, נייע סיסטעמס, בעסטע מעטאדען, בעסטע רע־זולטאטען

אינדיווידועלע אויפמערקזאמקייט — טאג און נאכט קלאסען. מעסיגע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאָנירט אָדער פארלאנגט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאָנסטראציאָן און פולע אינפאָרמאציאָן.

אבענד־קלאסען: מאָנטאג, מיטוואָך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOLS

912-920 Broadway (Cor. 21st St.) New York.
Phone, 83 Gramercy.

באַרנעט ל. בעקער

אפּטאמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
100 Lenox Avenue
895 Prospect Ave., Bronx

גאָלא קאָנצערט

טאָשאַ **זיידעל** | מאַרגאַרעט **מעטצענאַוער**

סענטשורי טעאַטער

זונטאג נאכמיטאג, יאַנואר 25טען, 1920

טיקעטס 75 סענט צו $2.50.
צו באקומען אין רענד סקול, 7 איסט 15טע סטריט.

צו אלע קלאוקמאכער פון ניו יארק און ברוקלין

אונזער יוניאן פאדערט אויף אז קיין קלאוקמאכער זאל נים נעמען קיין דזשאב אין אירגענד וועלכען ברוקלין שאפ איידער ער וועט זיך נאכפרעגען אין אפיס פון דער יוניאן, 99 מעקקיבען סטריט, ברוקלין, ביי דעם מענעדזשער פון אפיס.

אלע שאפ־טשערלייטע זיינען אויפגעפאדערט נים צו לאזען קיין נייע ארבייטער פארנעמען קיין פלאץ אין שאפ, סיידען זיי ציינען א ווארקינג קארד.

טש. פיין,

מענעדזשער פון ברוקלין אפיס.

האנדעלט מיט א גרויסער באנק

„זאג מיר ווער איז דיין פריינד און איך וועל דיר זאגען ווער דו ביסט". דאס איז אן אלט ווערטעל, וואס ענטהאלט אן אוצר פון פראקטישער קלוגשאפט. דאסזעלבע איז אמת וועגען יעדען ביזנעסמאן אין באצוג צו דער באנק, מיט וועלכער ער איז פארבונדען. אין דער ביזנעס־וועלט אורטיילט מען דעם געשעפטסמאן און דעפאזיטאר לויט דער באנק, מיט וועלכער ער האנדעלט. די גרויסקייט און איינפלוסרייכקייט פון דער באנק דיענט אפט אלס מאסשטאב פאר'ן כאראקטער פון די ביזנעס פון איהרע דעפאזיטארס.

די פאבליק נעשאנאל באנק איז איינע פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע באנקען אין לאנד. זי איז א נ א צ י א נ א ל ע באנק, שטעהענדיג אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, זי פארוואלטעט א פארמעגען פון איבער זיבעציג מיליאן דאלאר ($70,000,000), האט פארבינדונגען מיט אלע גרעסטע באנקען אין אמעריקא און אין איירא‏פא, און דורך איהר אפיס אין ווארשא האט זי באשאפען פארבינדונגען מיט הונדערטער שטעדט אין פוילען און ליטא, וועלכע האבען נים קיין פאסט־אפיס פארבינדונגען.

זייענדיג א א י ד י ש ע באנק, אין וועלכער אידיש איז א הערשענדע שפראך, און האבענדיג אלע בעקוועמליכקייטען פאר'ן אידישען ארבייטער און ביזנעסמאן, גיט די פאבליק נעשאנאל באנק יעדען אידען אין גרייטער ניו יארק די מעגליכקייט צו זיין פארבונדען מיט איינער פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע באנקען אין לאנד.

די פאבליק נעשאנאל באנק

און ניו יארק סיטי

דעלענסי קארנער לודלאו

ברענטשעס:—

בראדוויי און 25טע סטריט.
מעדיסאן עווענין און 116טע סטריט, הארלעם.
3817 דריטע עווענין, בראנקס.
פיטקין עווענין און וואטקינס סטריט, בראנזוויל.
גרעהעם עווענין און סיגעל סטריט, ברוקלין.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

ט. ק—ט. — האטש זעהר גוט אנגעשריבען, און אויך אין פולען איינקלאנג מיט'ן אמת, אבער אונז שיינט, אז עס וואלט געווען ביז צו א שטארקען גראד טאקטלאז גראדע איצט אויפמישען די אלטע פארבלוטיגטע בלעטער. איינמאל איז דער פרידען געשלאסען — כאטש קיינער קען נים קאווירען אויף ווי לאנג — איז גלייכער צו מאכען זיך פארגעסען אן דעם, וואס דער שונא האט געטאן אין דער צייט פון הייסע שלאכטען. דערפאר גלויבען מיר, אז דער גרעסטער טייל פון אייער ארטיקעל דארף נים פארעפענטליכט ווערען. וואס אנבאטרעפט די אנדערע גאנץ וויכטיגע פונקטען אין אייער ארטיקעל — די זיינען דאך גאנץ ברייטלאך ארגומענטירט געווארען אין דער „גערעכטיגקייט", און עס איז בעגעבען געווארען קרעדיט — גאר נים געקארגט — צו דעם, וועמען עס האט געקומט. יע, נאך עפעס. אייער פארזיכערונג, אין פאל עס וועט נים פארעפענטליכט ווערען, „נים צו באדערען אונז מיט אזעלכע זאכען", ווייזען מיר צוריק. מיר ווילען, איהר זאלט אונז דוקא באדערען. אויב דער ארטיקעל אייערער קען נים צוליעב געוויסע אורזאכען, מיט וועלכע איהר וועט איינפארשטאנען זיין מיט אונז, ווען איהר וועט זיך נור אביסעל איבערלייגען, פערעפענטליכט ווערען, איז עס נאך קיין אורזאכע נים, ווארום איהר זאלט אונז נים באדערען פון צייט צו צייט מיט זאכען, וועלכע זאלען זיין זעהר ברויכבאר און זעהר וויכטיג פאר די יוניאן.

סעם שעוועלענקא. — אלזא, ווייס־פרעזידענט לעפקאוויטש, ווי אימער, האט געטאן אויסגעצייכענטע ארבייט אין סינסינעטי. ער, לויט ווי איהר שרייבט, האט שטארק געהאלפען הערצו, אז דער קלאוקמאכער אין סינסינעטי זאל קריגען א רייז פון 15 ביז 30 פראצענט, און אז פאר'ן נעקסטען סיזאן זאל אנגענומען ווערען די סיסטעם פון וואך־ארבייט. דאס איז ווירקליך אמת ערפרעהליכע נייעס. וועגען דעם פרעזענט פון א דיימאנד־פין און פון א גאלדענע טשיין, וואס איהר האט געגעבען ברודער לעפקאוויטש פאר זיין גוטע ארבייט האבען מיר שוין פריהער געוואוסט, אבער עס שאט נים עס צו פארצייכענען. דאס איז נויטיג, כדי מען זאל וויסען, אז די ארבייטער זיינען גאר נים אונדאנקבאר צו די, וועלכע זיינען מיט זיי און ארבייטען עהרליך און געטריי פאר זייערע אינטערעסען. דערביי פארגעסט איהר אויך נים צו געבען קרעדיט די אנדערע אקטיווע מעמבערס פון אייער יוניאן, ווי די ברידער טשארלז גרין, מ. עסיג, עליען שעכטמאן, דעניע קראנען און אנדערע. מיט אזא אנצאהל געטריע איבערגעגעבענע טוער וואונדערט עס אונז נים, וואס אייער זיעג איז געווען אזא באדייטענדער.

ב. לאסטער. — יע, אין יענעם עדיטאריעל, אויף דעם גרונד פון א פעהלערהאפטער אינפארמאציאן איז געווען ערקלערט, אז ברודער זיידמאן, אויף זיין וועג נאך לאס אנדזשעלעס, וועט זיין אויך אין טאלידא, סינסינעטי און העלפען אין די דארטיגע קאמפיין. אבער ער איז דארט נים געווען. לויט מיר דערוויסען זיך, האבען דארט זעהר אקטיוו געהאלפען די ווייס־פרעזידענטען לעפקאוויטש און פערלשטיין און די דארטיגע פיהרער. קרעדיט צו די, וועמען עס קומט.

ה. ט. — „די גאסען פון מענשען בעט־קוואלט", און עהנליכע אויסדריקע זיינען געגצליך פרעמד אין אונזער געגענד. געוויס, דער פאעט האט געוויסע פריהייטען, וואס איינפאכע בשר ודם'ס האבען נים. אבער דאך מוז אויך זיין פריהייט זיין אביסעלע באגרענעצט.

פ. גארדין. — פאראן זאכען, וואס מען דארף נים נעהמען זעהר ערנסט. דאס איז דאך נור געשריבען, אום ארויסצורופען א שמייכעל ביי'ם לעזער. גלויבט אונז, הויך ווי מיר שעצען ערנסטקייט, פונקט אזוי לאכען מיר פון „אנגעבלאזענקייט". אויך איז עס נים אזוי קלוג צו זיין עמפינדליך איבער א ווארט, וואס ווערט נים געמיינט צו פארלעצען קיינעמס געפיהלען. וואס אנבאלאנגט דעם ציעל, צוליעב וועלכען די „גערעכטיגקייט" איז געגרינדעט, טוען מיר עס אזוי גוט, ווי מיר פארשטעהען, און מיר זיינען ווירקליך דאנקבאר די, וועלכע קומען מיט עצות, ווי אזוי איהר בעסער צו פיהרען. מיר האלטען נים קיינעמס מיינונג פאר צו לעכערליך און צו נאריש, אום נים א טראכט צו טאן וועגען דעם.

סעם פרידמאן, לאקאל 20. — צוערשט קומט אייך אן ענטשולדיגונג פאר אונזער פארפעהלען צו זיין צום מיטינג פון דער אינסטאלליישאן פון די בעאמטע פון אייער לאקאל. עס האט זיך געמאכט אזוי, אז מיר האבען בשום אופן נים געקאנט קומען. מיר ווילען דאס גוט מאכען ביי אן אנדער געלעגענהייט. צווייטענס, וואס אנבאטרעפט די עדיטאריעלע בעהאנדלונג פון די פאסירונגען מיט אייער לאקאל, קען זיין, אז עס איז געווען ווירקליך א פארזעהען פון אונזער זייט. די אנגעלעגענהייט איז וויכטיג גענוג, אבער איהר מוזט דאך אויך בעדענקען, אז די דאזיגע אפטיילונג אין דער צייטונג קען, לויט איהר נאטור, נור זיין זעהר באגרענעצט, און מען קען ווירקליך נים אלעס בעהאנדלען אין די פאר קאלומנען. פון דער אנדערער זייט זיינט איהר אויך אביסעלע שולדיג. ווארום נים אויפמערקזאם מאכען אונז? מיר קענען נים אלעס האבען אין זינען. א פאר שורות ספעציעל צום רעדאקטאר, און דאס נויטיגע וואלט געוויס געטאן געווארען. מיר וואלטען זעהר געוואלט אייך זעהען פערזענליך און זיך דורכריידען איבער דער גאנצער אנגעלעגענהייט. מעגליך, אז עס איז נאך איצט נים צו שפעט.

ש. קאלדאווסקי. — אייער פארלאנג ערפילט — זעהט לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" — אין איצט ווארטען מיר אויף דעם וויטערען מאטעריאל. ווירקליך, עס וואלט געווען גארנים קיין עולה, ווען מען זאל זעהען אייער נאמען, — אונטער פארשיידענע ארטיקלען און קארעספאנדענצען, באזונדערס — אביסעל אפטער, ווי ביז איצט, אין דער „גערעכטיגקייט".

ל. לאנגער — סעק. דזשאינט באארד. — מיר וואלטען געוויס נים פארפעהלט זיך צו באנוצען מיט דעם כבוד, וואס איהר האט אונז אנגעטאן, איינלאדענדיג אונז צו דער אינסטאלליישאן פון דער דזשאינט באארד פאר 1920. אבער ליידער זיינען מיר געווען אוועק פון ניו יארק, אום צו באגריסען די קלאוקמאכער אין קליוולאנד צו זייער גרויסען זיעג. ווען מיר וואלטען ערהאלטען אייער בריעף מיט א פאר טעג פריהער, וואלטען מיר מעגליך, געהט פאר זיך די שווערע פראגע: וועלכע פון די „עהרעס" אויסצוקלייבען. אבער אזוי ווי אייער בריף האבען מיר ערהאלטען ערשט צוויי טעג שפעטער, נאך דער אינסטאלליישאן, איז די שווערע ענטשיידונג פון דער פראגע אונז אין גאנצען איינגעשפארט געווארען.

קלאוק פינישארס יוניאן לאקאל 9

די מעמבערס זיינען געבעטען צו נעהמען אין אכט אז די פאלגענדע

לעקטשורס

וועלען אפגעהאלטען ווערען דיעזע וואך:

בראנקס — פרייטאג, דעם 16טען יאנואר, אין מעקינלי סקווער קאסינא, 779 איסט 169טע סטריט. לעקטשורער, א. סטאלינסקי, טהעמא, „די קאאפעראטיווע באוועגונג."

בראנזוויל — שבת, דעם 17טען יאנואר, אין לייבאר ליסעאום, 229 סעקמאן סטריט. לעקטשורער, גענאסע י. ביילין, רעדאקטאר פון „פריינד." טהעמא, „די יעצטיגע פראבלעמען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג."

איינטריט פריי פאר מעמבערס און זייערע פאמיליען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

דזש. האלפערין, מענעדזשער.

לײדיעס טײלארס און אלטערײשאן ארבײטער
לאקאל 80.

א דזשענעראל מעמבער מיטינג
װעט שטאטפינדען

דיענסטאג, 20טען יאנואר, 7:30 אוהר אב.
אין מאונט מאררים האל, 1362 5טע עװ.

א לעקטשור װעגען
„װאירקמענס קאמפענסײשאן"
װעט געגעבען װערען בײ
ה. שער
אײדער דער ביזנעס מיטינג װעט זיך אנפאנגען.

עקזעקוטיװ באארד לאקאל 80
ה. הילפמאן, סעקרעטער.

א נײער טריטמענט װאס הײלט רעמאטיזם.
75 סענטיגע באקס פרײ צו יעדען לײדענדען.

אין סיראקיוז, נױארק, איז אױסגעפונען געװארען א באהאנדלונג פאר רומאטיזם אויך װאס הונדערטע װאס באנוצען עס זאגען, אז עס אי זא װאונדער. פון די באריכטען צײגט, אז עס איז פון דאס בעסטע. בלױז עטליכע טריטמענטס אפילו אין די ערגסטע קײסעס האבען אױפגעטאן װאונדער װען אנדערע רפואות האבען גארניט אױפגעטאן. עס צײגט צו באזײטיגען דעם יוריק עסיד און דיליום זאלץ װאס געפינט זיך אין די בלוט ארוים־טרײבענדיג אלעס װאס פאר׳סמ׳ט דעם קערפער, אלע װעהטאגען, אנגעשװאליגקײט װערען פארשװאונדען.

די טריטמענט װאס איז צוערשט ארײנגע־בראכט געװארען פון מר. דעלאנא אי זאזוי גוט דאס ער װיל, אז יעדער װאס לײדעט פון רו־מאטיזם זאל קריגען א 75 ס. פעקעדזש פון איהם פרײ און פרובירען װאס עס קען אויפ־טאן. מר. דעלאנא זאגט: צו פרובירען אז מר. דעלאנא׳ס טריטמענט װעט זיכער באקעמ־פען דעם רומאטיזם בײ קוקענדיג װי שלעכט און פארלענגערט די קײס איז, און אפילו נאכ־דעם װען אנדערע טריטמענטס האבען זיך ארויסגעװיזען א פײלור, װעל איך, אויב קײנמאל ניט גענוצט קײן טריטמענט, שיקען א 75 סענטיגען פעקעדזש פרײ, אויב איהר װעט אויסשנײדען דעם נאטיץ און צושיקען דעם נאמען און אדרעס מיט 10 סענט צו העל־פען באצאהלען פאסטײדזש און די פארשפרײ־טונג עקספענסעס.

F. H. DELANO
1225 A. Griffin Square Building,
Syracuse, N. Y.

איך קען בלױז שיקען אײן פרײען פע־קעדזש צו אן אדרעס.

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסײעטיס און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבײט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

עגדע פון מלחמה
ברענגט גליק פאר דער װעלט
מארמאלאקס

די געשמאקע פרוכט קענדי אבפיהר מי־טעל האט געמוזט פיר דער צײט פון מלחמה אראפ פון מארקעט, װײל דער טײערער מעדיצינישער שטאף װאס קומט ארײן אין מארמאלאקס איז גענצליך פארברויכט געװארען אין די מלחמה האספיטעלער. יעצט די ענדע פון מלחמה װעלכע האט געבראכט נײע גוטע צײטען, האט אויך צוריק גע־בראכט די גרויסע רפואה פיר אלע מא־גען לײדענדע, „מארמאלאקס", די פרוכט־קענדי אבפיהר מיטעל װאס איז געשמאקער פון די טײערסטע קענדי און רײניגט אב דעם מאגען אין א פאר שטונדען לײכט און אנגענעהם.

לײדעט ניט אויפ׳ן מאגען און האלט די מאגענדלעך פון אײערע קינדער אין רײנעם און געזונטען צושטאנד. א באקסעל מארמאלאקס אין הויז איז א פארזיכערונג פיר א געזונטען מאגען און װעט פארהיטען פון אלע מאגען קראנקהײטען.

10, 25 און 50ס א באקס.

אין אלע גוטע דראג סטארס אדער מיט פאסט.

MARMALAX COMPANY,
NEW YORK

דיזע צײטונג
װי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענג־לישע צײטונגען, ביכער און זשורנאלען װערען געדרוקט אין די
אפ־טו־דײט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.



A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484־90 6טע עװעניו,
ניו יארק.
צװישען 29טע און 30טע סטריט.

די יוניאן־קאאפעראטיװ סאסײעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. װ. יוניאן
פע־קויפט אויסשליסליך
װײט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צװעטאטשני טשאי

דאס נײע אידישע טעאטער
27טע סטריט און מעדיסאן עװעניו.
טעלעפאן מעדיסאן סקװער 579.
עמנואל רײכער, קונסט דירעקטאר.
לואיס שניצער, דזשענ. מענעדזשער.

פרײטאג אװענט, שבת און זונטאג בײטאג און אװענט, דעם 16טען, 17טען און 18טען יאנואר.

בראנקס עקספרעס
לאקאלע קאמעדיע
פון א ס י פ ד י מ א ו
רעזשיסירט פון אויטאר.
באזארגט זיך מיט בילעטען אין פאראוים.
פאר בענעפיטס זיך צו װענדען צו דזש. טשערעש (י. חרש).

SECOND AVE. THEATRE
35 סעקאנד עװעניו.
יאזעף עדעלשטײן, דזשענ. מענ.
טעלעפאן, פארסיטה 1643.
טיקעטס 8 װאכען אין אדװענס.

דער אײנשטימיגער אורטײל פון איבער 50,000 מענשען, װעלכע האבען בײגע־װאהנט די פארשטעלונג פון יאזעף רומשינסקי׳ס לעצטע און שעהנ־סטע אפערעטא

דעם רבינ׳ס נגון
גרעסטער ערפאלג! ערפאלג!
30 נומערען געזאנג.
פרײטאג אװענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אװענט, 16טען, 17טען און 18טען יאנואר

יאזעף רומשינסקי׳ס נײעסטע אפע־רעטע

דעם רבינ׳ס נגון
ליברעטא פון ג. באדער
אויפגעפיהרט פון יאזעף רומשינסקי

סעמיועל ראזענשטײן, לודװיג זאץ, רע־גינא פראגער, ראזא קארפ. באריס ראזענ־טאל, מרס. סאבינא לאסער, פעני לוב־ריצקי, הײמי דזשײקאבסאן און יאקאב פרענק באטײליגען זיך אין דיזער אפע־רעטע, װי אויך לואיס הײמאן. ה׳ טשאר־לעס נאטאנסאן אלס „לײבעניו."

דעם רבינ׳ס נגון איז 100 פרא־צענט פערפעקט.

אין מוזיק, פערזאנאל, ארטיסטען, אויס־שטאטונג, רײכע קאסטיומען, שעהנסטער קאהר, שעהנע טענץ און באלעטען, װאונ־דער עפעקטען, גרויסער ארקעסטער, אין אלע הינזיכטען.

$10 װערטה אמיוזמענט פאר 1 דאל.

אן עקסטרא גרויסער כאר און סימפא־ני ארקעסטער א־לא רומשינסקי.

חברות לארזשען, סאסײעטיס, יוניאנס, ארבײטער רינג בראנטשעס, רעליעפס, װי אויך פריװאט פערזאנען קענען זיך מעל־דען פאר בענעפיטס און טיקעטס אין אפיס פון טעאטער.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

טאמאשעװסקי טעאטער
האוסטאן סט. און סעקאנד עװעניו
טעל. ארטשארד 2612.
הערי טאמאשעװסקי, סטײדזש מענ.

נײעס אין טאמאשעװסקי׳ס טעאטער
ל. גאלדבערג
פרעזענטירט די גרעסטע אידישע קינסט־לער, אין גרעסטען װערק פון גרעסטען דראמאטורג

אסיפ דימאװ׳ס נײעסטע גרויסע װערק „דער יום הדין"
צום ערשטען מאל
פרײטאג אבענד, שבת און זונ־טאג מאטינע און אבענד, 16טען, 17טען, און 18טען יאנואר

דײװיד קעסלער
אין א נײע קונסט־ראלע אלס ר׳ הירש הארענשטײן.

באריס טאמאשעװסקי
אין א נײע קונסט־ראלע אלס יאקאב בוימאן (טאװארישטש גאלובאװ)

סעם קעסטין
אין א נײער כאראקטער קונסט־ראלע אלס גדליה סעלצער (טאװארישטש װאליסאן)

הער יאװעליער, ה׳ שװארץ, ה׳ גרינבערג, ה׳ מילער, ה׳ גאלד, ראזא גרינפעלד, מאד. טוכמאן און בעסי װײסמאן אין א נײע גרויסע מײסטערװערק

דער יום הדין
דראמא אין 4 אקטען מיט א פראלאג פון א ס י פ ד י מ א װ.
רעזשיסירט פון פערפאסער.
גאנץ נײע דעקאראציאנען פון באריס טאמאשעװסקי.

„דער יום הדין"
איז א גרעסערעס װערק װי „דער עװיגער װאנדערער"

קינדער אונטער 6 יאהר װעלען פאזיטיװ ניט ארײנגעלאזען װערען.

דזשאהן קעננעטה טוירנער לעקטשור־קורס
װעגען
מעקסיקא און די פאר־אײניגטע שטאטען
דינסטאג אבענד, יאנואר 6, 13, 20 און 27טען

ארײנגאנג פאר אײן לעקטשור: **25 סענט.**
א טיקעט פאר׳ן קורס פון פיער לעקטשורס — 75 סענט
געגעבען געװארען אין
ר ע נ ד ס ק ו ה ל
7 איסט 15טע סטריט.

הויבט אָן דאס נייע יאָהר מיט א באַנק אקאַונט

אין איינע פון די דריי גרויסע ברענטשעס פון

די באַנק אָוו יונייטעד סטייטס

די איינציגע פראמינענטע פינאנץ אינסטיטושאן אין ניו יארק וועלכע

צאהלט אייך אינטערעסט פון אייער געלד פון'ם זעלבען טאג אז וועלכען איהר עפענט איין נייעם אקאונט

עס מאכט ניט אויס אין וועלכען טאָג אין מאָנאַט איהר ווערט א דעפאזיטאר אין דיעזער באנק, דאָס פראצענט פון אייער געלד הויבט זיך גלייך אן צו רעכענען.

איהר דארפט ניט פארלירען דעם פּראפיט וואס אייער געלד פארדיענט.

די באַנק אָוו יונייטעד סטייטס וויל איהר זאלט געניעסען דעם פראפיט וואס די באנק פארדיענט פון אייער געלד. איהר זייט בארעכטיגט צו דעם

יעצט איז די בעסטע צייט צו מאכען אן אנפאנג צו ווערען זעלבסשטענדיג. לייגט דעם פונדאמענט פון אייער צוקונפט און עפענט אן **אקאונט אין**

די באַנק אָוו יונייטעד סטייטס

איינע פון די גרעסטע און פארנעהמסטע באנק הייזער אין אמעריקא. א באנק, וועלכע דער ארבייטער אדער מאנופעקטשורער, דער קליינער אדער גרויסער דעפאזיטער ווערט באהאנדעלט מיט דער זעלבער פרייגעביגקייט און מיט דעם זעלבען אטענשאָן, איינער ווי דער אנדערער.
איהר קענט ווערען א דעפאזיטאר, מיט א קליינער סומע זייט איהר גראדע אזוי ווילקאמען ווי דער מיט טויזענדער דאלאר.

די 5טע עווענױ און 32טע סטריט באַנק

זייענדיג אין דעם רעכטען צענטער פון די גרעסטע מאנופעקטשורינג און אינדוסטריעלע הייזער אין ניו יארק; דארט וואו אונזערע הונדערטע טויזענדע ארבייטער זיינען באשעפטיגט, איז די **באַקוועמסטע באַנק פאַר ארבייטער** וועלכע וואהנען אין ברוקלין און בראנקס צו עפענען זייער אקאונט דאמיט זיי זאלען פארשפארען זיך מיטצוטראגען מיט געלד געהענדיג צו דער ארבייט אדער קומענדיג פון דעם שאפ.

די באַנק אָוו יונייטעד סטייטס אין 5טע עווענױ און 32טע סטריט האָט געעפענט א ספּעשעל דעפּאַרטמענט פאַר ארבייטער

וועלכע איז אָפען פון **9** אוהר מאָרגענס ביז **6** אוהר אבענדס צו געבען די ארבייטער די באקוועמליכקייט אריינצולעגען געלד ווען זיי ווילען דורך דיעזע שטונדען.

די דעלענסי סטריט ברענטש
77—76 דעלענסי סטריט

און

די הארלעם ברענטש
מעדיסאן עווע. און 116טע סטריט

זיינען אָפען יעדען טאָג פון 9 אוהר מאָרגענס ביז 8 אוהר אבענדס — א חוץ זונטאג און געזעצליכע פייערטאגען — פרייטאג ביז 5 אוהר אבענד.
איהר קענט קומען צו יעדער צייט און פארהאנדלען אייערע באנק געשעפטען און איהר וועט אטענדעד ווערען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט.
אונזערע צעהנדליגע טויזענדער דעפאזיטארס וועט עס זיין א פארגעניגען צו וויסען אז אין די לעצטע 11 מאָנאטען זייט אונזער באנק איז געעפענט געווארען איז דאָס גראָס-פארמעגען פארמעהרט געווארען מי טאריבער

$22,000,000.00

צוויי און צוואנציג מיליאן דאלאר

וועלכעס באווייזט דעם גרויסען פראגרעס און וואונדערבארען ערפאלג וואס דיעזע באנק האָט געמאכט אין אזא קורצער צייט.
ווערט אויך איינער פון דיעזער גרויסער צאהל דעפאזיטארס און **עפענט אייער אקאונט אין**

די באַנק אָוו יונייטעד סטייטס

5טע עווענױ און 32טע סטריט

מעדיסאן עווענױ און 116טע סטריט | מעמבער פעדעראל ריזערוו סיסטעם | **79-77 דעלענסי סטריט**

THE BANK OF UNITED STATES

Member Federal Reserve System

77-79 DELANCEY ST. | **5th AVENUE at 32nd ST.** | **MADISON AVE. at 116th ST.**

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, ו). אַן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועלכע מען עס גלוסט זיך ווענט צו זיין אונגערעכט". וואודראָ ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

Vol. II. No. 4. New York, Friday, Jan. 23, 1920. פרייטאג, דעם 23טען יאַנואַר, PRICE 3 CENTS

פאַרלאַנגט — אַן ענטפער פון דער דרעס און וויסט מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן!

עס איז שוין באַלד אַ מעשה פון צוויי וואָכען, ווי די לײדיס דרעס און וויסט־מייקערס יוניאָן לאָקאַל 25 האָט זיך געווענדעט צו דער לײדיס ווייסט און דרעס מאַנופעקטשורערס אַסס'ן מיט אַ פאַרלאַנג פאַר אַ קאָנפערענץ צווישען די פאַרשטעהער פון די בעלי מלאכות און די מאַנופעקטשורערס וועגען אַ העכערונג פון ווייזשעס.

די יוניאָן באַגרינדעט איהר פאַרלאַנג מיט דעם, וואָס דער איצטיגער יקרות האָט איבערשטיגען אַלע לוינהעכערונגען פון די לעצטע יאָהרען, דערפאַר פאַרלאַנגט זי צוזאַמען מיט די מאַנופעקטשורערס צו זעהן עטוואָס צו טאָן, כדי שטיל צו מאַכען די הערשענדע אומצופרידענהייט צווישען די אַרבייטער. אין דערזעלבער צייט מאַכט די יוניאָן אויפמערקזאַם די מאַנופעקטשורער אַסס'ן, אַז לויט דעם אַגרימענט, איז עס די פליכט פון דער אַסס'ן צו באַשטימען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זאָל פאַרהאַנדעלט ווערען די פראַגע פון ווייזשעס.

דער בריעף פון דער יוניאָן איז קורץ, אָבער ער איז אויך קלאָר. עס זיינען אין איהם ניטאָ קיינע צווייטייטיגקייטען, קיינע דונקעלע אַנצוהערענישען, ווייל די יוניאָן גלויבט ווירקליך, אַז „מיט אַ גוטען ווילען פון ביידע זייטען קען אויסגעאַרבייט ווערען אַ צופרידענשטעלענדע לייזונג פון דער פראַגע".

וואָס זשע האָט די אַסס'ן אויף דעם געענטפערט? זי האָט אינגאַנצען איגנאָרירט די גרינדע, וואָס ווערען אָנגעגעבען אין דעם בריעף פאַר אַ קאָנפערענץ, און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פּאַראַגראַף, וואָס פאַרלאַנגט אַ קאָנפערענץ וועגען ווייזשעס אויף דעם סמך פון דעם אַגרימענט. די אַסס'ן פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז די יוניאָן זאָל איהר דוקא אָנווייזען דעם פאַראַגראַף אין אַגרימענט, וואָס רעדט וועגען אַ קאָנפערענץ וועגען ווייזשעס.

דאָס איז, נאַטירליך, אַ כיטרער לאָיער־שער דריידעל. אין דעם אַגרימענט איז נאַטירליך ניטאָ קיין ספּעציעלער פּאַראַגראַף וועגען אַ קאָנפערענץ פאַר ווייזשעס. דער אַגרימענט אָבער שליסט ניט אויס דאָס רעכט און פליכט פון ביידע צדדים איינצורופען אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זאָלען אויסגענומען ווערען פאַרשידענע פראַגען, וואָס באַריהרען די גאַנצע אינדוסטריע. פאַרשטעהט זיך, אַז אַ העכערונג אין ווייזשעס קען ניט זיין אויסגעשלאָסען פון דיזע פראַגען צוליעב וועלכע אַ קאָנפערענץ קען ווערען נויטיג פון צייט צו צייט.

ענטפערט טאַקי די יוניאָן אין דעם זין, און פאַרלאַנגט ווידער אַמאָל פאַר די מיטווירקונג פון דער אַסס'ן.

און ווידער ענטפערט די אַסס'ן, אַז דאָס איז פאַר איהר ניט גענוג. זי וויל, אַז די יוניאָן זאָל איהר אָנווייזען דעם פסוק, די שורה און דעם אַגרימענט, אויף דעם גרונד פון וועלכע זי פאָדערט אויף די קאָנפערענץ.

עס איז קלאָר, אַז די אַסס'ן וויל זיך אַרויסדרעהען אויף אַ טעכנישען פונקט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם ענין. וואָרום אָנגענומען, אַז אין אַגרימענט איז ניטאָ אַזאַ פּאַראַגראַף וועגען אַ קאָנפערענץ איבער ווייזשעס, איז דעריבער דער יקרות קיין יקרות ניט? און אַז עס איז ניטאָ אַזאַ פּאַראַגראַף, וועט עס שוין איינשטילען די הערשענדע אומצופרידענהייט צווישען די אַרבייטער?

און אָט וואָס די יוניאָן שרייבט צו דער אַסס'ן אין איהר לעצטען בריף פון דעם 16טען יאַנואַר.

„עס טוט אונז לייד, דאָס איהר האָט ביז

(שלוס אויף זייט 16).

גאָווערנאָר'ס אַרביטריישאַן קאָמיטע אין קלאָוקס טרייד נאָך אַלץ ניט פאַרטיג מיט איהר אַרבייט

מיר האָבען געהאָפט אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" שוין קענען איבערגעבען דעם פולען רעזולטאַט פון דעם גאָווערנאָר'ס אַרביטריישאַן ־ קאָמיטע אין דעם סכסוך אין דער קלאָוק־אינדוסטריע. אָבער בעת מיר געהן צום פרעס איז די קאָמיטע נאָך אַלץ ניט פאַרטיג מיט דער אַרבייט.

דעם דיענסטאַג און מיטוואָך האָט די אַרביטריישאַן־קאָמיטע ווידער געהאַט עפענטליכע זיצונגען, אין דער רום פון דעם סטייט באָאַרד אָוו אַרביטריישאַן, אין דער וויקטאָריאַ בילדינג, 27טע סט. און 5טע עוועניו, וואו ביידע צדדים זיינען אָנוועזענד געווען. ווי מאָריס זיגמאַן, דער דזשענעראַל מענעדזשער פון דזשאָינט באָאַרד, גיט אונז איבער, וועט זיך די זאַך מעהר ניט פאַרציהען און די ענטשיידונג פון דער קאָמיטע וועט געוויס באַלד קומען. עס איז זעהר מעגליך, אַז ווען דיזע שורות וועלען געלעזען ווערען, זאָל די ענטשיידונג שוין זיין באַקאַנט.

פילאַדעלפיער וויסטמאַכער באַקומען אַ העכערונג אין שכירות

סעקרעטער באַראָף אָנוועזענד ביי די פאַרהאַנדלונגען צווישען דער יוניאָן און די אַסאָסיאיישאַן.

מיט איינינגע וואָכען צוריק האָט די וויסטמאַכער יוניאָן אין פילאַדעלפיא, לאָקאַל 15, אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען צו די מאַנופעקטשורערס. דער יקרות בּרשוועט אויך אין פילאַדעלפיא און די יוניאָן האָט פאַרלאַנגט, אַז די שכירות פון די וויסט־מאַכער זאָלען געהעכערט ווערען, אום זיי זאָלען קענען נאָכקומען דעם יקרות.

עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון קאָנפערענצען צווישען דער יוניאָן און דער מאַנופעקטשורערס אַסס'ן און מען האָט זיך גענומען דינגען. דורך דער צייט איז אונזער דזשענעראַל סעקרעטער, אב. באַראָף, איינינגע מאָל געווען אין פילאַדעלפיא און האָט זיך באַטייליגט אין די קאָנפערענצען, צוזאַמען מיט דער קאָנפערענץ־קאָמיטע פון דער וויסט מאַכער יוניאָן לאָקאַל 15.

עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערען, דאָס אין די קאָנפערענצען צווישען דער יוניאָן און דער אַסס'ן האָט אַ גרויסען אַנטייל גענומען ברודער סילווער, דער געוועזענער מענעדזשער פון דער יוניאָן. כאָטש ברודער סילווער איז ניט מעהר קיין בעאַמטער פון דער יוניאָן, איז ער אָבער נאָך אַלץ איבערגעגעבען זיין יוניאָן מיט לייב און לעבען. זיין נשמה איז נאָך אַלץ מיט דער יוניאָן, כאָטש ער איז מעהר ניט איהר בעאַמטער, און אויף דער אויפפאָדערונג פון סעקרעטער באַראָף, האָט ער מיט באַרגעניגען זיך אָנגענומען פרייוויליג צו זיין דער טשיעף קלויערק פאַר דער יוניאָן ביי די קאָנפערענצען. ער האָט זיין מיסיאָן גלענצענד דורכגעפיהרט, און עס קומט איהם ווירקליך אַ גרויסער דאַנק דערפאַר.

אַלזאָ, נאָך איינינגע קאָנפערענצען זיינען ביידע צדדים געקומען צום פאָלגענדען אויסגלייך:

די קאַטערס אין דעם טרייד באַקומען אַ העכערונג פון 5 דאָלאַר אַ וואָך, און די אַרויסהעלפער קאַטערס — 4.50 אַ וואָך. די אַנדערע וואָך־אַרבייטער אין דעם טרייד באַקומען אַ העכערונג פון 2 דאָלאַר אַ וואָך, און די שטיק־אַרבייטער אַ העכערונג פון 10 פּראָצענט אויף די פריהערדיגע רייטס פון די פרייזען אויף שטיק־אַרבייט.

נאָך אַ וויכטיגען געווינס האָט די יוניאָן באַקומען אין דער באַזייטיגונג פון סאַב־קאָנטראַקטינג. די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך פאַרפליכטעט ניט אַרויסצושיקען פון די שעפער קיין געשניטענע, אָדער ניט געשניטענע אַרבייט, און דאָס וועט אָפּשאַפען אַ גרויסען איבעל אין דעם טרייד.

לעצטען מאָנטאָג אָוונד האָט די יוניאָן אָפּגעהאַלטען אַ גרויסען מעמבער־מאַסמיטינג, וואו דער רעזולטאַט פון די קאָנפערענצען איז פאַרגעלעגט געוואָרען פאַר די מיטגליעדער. דער מיטינג איז אַדרעסירט געוואָרען פון סעקרעטער באַראָף, וואָס איז ספּעציעל צוליעב דעם וויעדער געפאָהרען אין פילאַדעלפיא, פון ברודער סילווער און פון דעם אַלטען אַרבייטער־אַגיטאַטאָר, גענ. ה. ווייינבערג.

דער מיטינג איז געווען אַ זעהר ענטוזיאַסטישער און די אַרבייטער האָבען איינשטימיג גוטגעהייסען דעם רעזולטאַט פון די קאָנפערענצען.

ווייט גודס וואָרקערס יוניאָן לאָקאַל 62 אין קאָנפערענץ מיט די מאַנופעקטשורערס

וויצע פּרעזידענט לעפקאָוויטש איז דער טשיעף קלויערק פאַר דער יוניאָן.

אויך די ווהייט גודס וואָירקערס יוניאָן, לאָקאַל 62, האָט לעצטענס אַרויסגעשטעלט נייע פאָדערונגען צו די בעלי בתים און אויך דאָ איז די הויפּט־פאָדערונג אַ העכערונג אין שכירות אום נאָכצוקומען דעם גרויסען יקרות.

ווי עס שיינט, וועט אין דער אינדוסטריע צו קיין העפטיגען צוזאַמענשטויס ניט קומען. ווי עס האַלט, וועט דער סכסוך געשליכטעט ווערען דורך אַ פרידליכער קאָנפערענץ.

לעצטען מאָנטאָג איז שוין אָפּגעהאַלטען געוואָרען איין קאָנפערענץ צווישען דער יוניאָן און „די קאַטען גאַרמענט מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן" און אַ צווייטער קאָנפערענץ ווערט אָפּגעהאַלטען דעם מיטוואָך, דעם 21טען יאַנואַר, ווען מיר געהען צום דרוק מיט דער צייטונג.

דער איצטיגער מענעדזשער פון לאָקאַל 62, ברודער דייוויס, איז לײדער קראַנק זייט די לעצטע פאַר וואָכען און סעקרעטער באַראָף האָט אַפּאָינטעט וויצע פּרעזידענט סאַמועל לעפקאָוויטש אַלס טשיעף קלויערק פאַר דער יוניאָן אין די פאַרהאַנדלונגען מיט דער קאַטען גאַרמענט־מאַנופעקטשורערס אַסס'ן. די יוניאָן איז, אַלזאָ, ביי די קאָנפערענצען פאַרטראָטען דורך ברודער לעפקאָוויטש און אַ קאָמיטע וואָס איז דערפאַר ספּעציעל ערוועהלט געוואָרען פון דעם לאָקאַל.

עס ווערט ערוואַרטעט, דאָס ביידע צדדים וועלען ניכען קומען צו אַ פאַרשטענדניס. און אַזוי גיך ווי דאָס וועט געשעהן, וועט די יוניאָן איינרופען מעמבער־מיטינגען, וואו אַלעס וועט פאַר די מיטגליעדער פאַרגעלעגט ווערען צו באַשטימען. מיר האָפען, אַז אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר שוין קענען מעלדען וועגען דעם פולען סעטעלמענט אין דעם טרייד.

צום שלוס איז כדאי צו באַמערקען, דאָס די מיטגליעדער פון דער יוניאָן האָבען דעם פולען צוטרויען צו וויס־פּרעזידענט לעפקאָוויטש און דער גאַנצער קאָנפערענץ קאָמיטע. זיי ווייסען, אַז זייער זאַך איז אָנפאַרטרויט געוואָרען אין די ריכטיגע הענד און זיי וואַרטען גאַנץ רוהיג אויף דעם רעזולטאַט פון די קאָנפערענצען, וואָס וועט זיכער זיין צו גונסטען די אַרבייטער.

אינהאַלט־פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 4.

זייט 2. די וואָך. — נ. שאַווירא. עקזעקוטיוו באָאַרד מיטינג פון לאָקאַל 25 — י. שעהנהאָלץ.
זייט 3. אַלערליי אין דער יוניאָן. — ל. פינקעלשטיין. אין דער ריפער מאַכער יוניאָן לאָקאַל 17 — דזש. העללער.
זייט 4. די קלאָוק מאַכער יוניאָן אין שיקאַגאָ קויפען אַן אייגענע היים — ה. סקולמאַן. אין דער רײן־קאָוט מאַכער יוניאָן לאָקאַל 20 — ס. פרידמאַן.
זייט 5. וויטאָריאַ קאַלאַנאַ, די איטאַליענישע רענעסאַנס דיכטערין — דר. אסתר לוריע. די קאַסטאָם דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 90 — ה. זילבערמאַן.
זייט 6. די פרויען וועלט — ראָזע בעדריס בלינדער. חתונות און גט'ען (פעליטאָן) — דער לעבעדיגער.
זייט 7. וואָך־אַרבייט און די סלעק־פּראָבלעמען — ס. האָפמאַן. אַ געזאַנג נאָך ליעבע (ראָמאַן) — פאַלינאַ וואָלמי.
זייט 8. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ־ביכעל.
זייט 9. דער דזשענעראַל עקז. באָאַרד מיטינג אין באָסטאָן — ש. יאַנאָווסקי. די אייזענבאַהן יוניאָנס און דער צוזאַמענשטויס פון קרעפטען אין דער א. פ. אָף ל. — ה. לאַנג.
זייט 10. שלעזינגער ערוועהלט אַלס פּערמאַנענטער פּרעזידענט פון דער יונייטעד לײדיס טיילאָרס יוניאָן אין לאָנדאָן — פערטער בריעף פון ב. שלעזינגער.
זייט 11. יחוס (ערצעהלונג) — בתיה לוואָוויטש.
זייט 12. קורצע שמועסען צווישען רעדאַקטאָר און לעזער.
זייטען 13, 14 און 15 — אַדווערטייזמענטס.
זייט 16. אינטערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט. פאַרלאַנגט — אַן ענטפער פון דער וויסט מאַנופעקטשורערס אַסס'ן — שלוס פון דער ערשטער זייט. פּרעזידענט שלעזינגער אָנגעקומען אין וואַרשאַ.

אינטערנעשאנאל עדיוקיישא־נאל דעפארטמענט

פון פאניא מ. קאהן.

אלס בירגער פון דעם לאנד און אלס ארבייטער איבערהויפט זיינען מיר זעהר פאראינטערעסירט אין די עקאנאמיקס פון דעם אינדוסטריעלען סיסטעם, אין אלע זיינע פארמען. אין אונזער אינטער־נעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט ווערט איצט געגעבען א ספעציעלער קורס וועגען דעם, פון פראפ. לעאן ארדזרוני, פון דער „סקול אוו סאשיאל רעסוירטש“. די לעקטשורס זיינען זעהר אינטערע־סאנט און באלעהרענד. זיי ווערען געגע־בען יעדען שבת נאכמיטאג, 3.30, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פליים און 16טע סטריט.

* * *

אין די יוניטי סענטערס.

אין יעדען יוניטי סענטער ווערט גע־געבען א קורס אין „עקאנאמיקס און די ארבייטער באוועגונג“. אין דעם קורס ווערט צוגלידערט דער גאנצער אינדו־סטריעלער סיסטעם און מען קען זעהר פיעל לערנען. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווערט געלערנט איבער דעם אנפאנג און ענטוויקלונג פון טרייד־יוניאניזם, די ענטוויקלונג פון דער ארבייטער באוועגונג און דעם בענעפיט וואס די ארביי־טער האבען דערפון. עס ווערען אויך אפ־געהאלטען דיסקוסיאנען וועגען די אר־בייטער פראבלעמען פון דער איצטיגער צייט.

אין די סענטערס ווערט אויך געגע־בען א קורס אין ליטעראטור. כמעט ביי יעדען לעקטשור ווערט דיסקוטירט דער סאציאלער כאראקטער פון די מאדערנע דראמען און דאס איז אונגעהייער אינ־טערעסאנט און באלעהרענד.

נים פון קיין קלענערער וויכטיגקייט זיינען אויך די לעקטשורס וואס ווערען געגעבען איבער פראגען פון געזונד. די לעקטשורערס זיינען פראמינענטע דאק־טוירים און די צוהערער ווילען פון די לעקטשורס גרויס נוצען האבען. זיי ווע־לען בעסער באקאנט ווערען מיט די פונקציאנען פון די אברים אין קערפער און דאס גיט א באגריף ווי צו פארהיטען און פארמיידען קראנקהייטען.

אויך די גימנאסטיק אין די סענטערס זיינען געזונד פאר'ן קערפער, א חוץ דעם וואס דאס איז גאנץ אמוזאנט. די קער־פערליכע איבונגען און די פארשיידענע טענץ ענטוויקלען און מאכען גראציעז דעם קערפער.

און אויסער דעם אלעם, זיינען דא אין די סענטערס קלאסען אין ענגליש, אין די פארשידענע גראדען, וואו יעדער אינטערנעשאנאל מיטגליעד קען לערנען פריי די שפראך פון לאנד, לעזען און שרייבען, און אויך רעדען ריכטיג ענג־ליש.

רעדזשיסטרירט זיך אין דעם נא־העגסטען סענטער פון אייער וואוינונג און געניסט פ ר י י די בילדונג, וואס אייער יוניאן גיט אייך. איהר קענט זיך רעדזשיסטרירען אין די יוניטי סענטערס, אדער אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן.

* * *

דעם פרייטאג, שבת און זונטאג קומען פאר אין אלע אונזערע יוניטי סענטערס די לעקטשורס און קלאסען, ווי עס איז אנאנסירט געווען אין לעצטען נומער „גע־רעכטיגקייט“.

בולעטין פאר דער וואך אנפאנגענדיג דעם 19טען יאנואר.

איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63, 4טע סט. און ערשטע עוו.

מאנטאג אבענד, דעם 19טען יאנואר, לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם און די ארבייטער באוועגונג, פון ארטור ע. אלפ־רעכט.

דאנערשטאג אבענד, דעם 22טען יאנ., לעקטשור איבער ליטעראטור, פון מיסס עלען א. קענאן.

דינסטאג אבענד דעם 20טען יאנ., גימנאסטיקס און אונטערהאלטונגען, אונ־טער'ן אויפזיכט פון מיס איווא קאהן.

* * *

בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54, אינטערוואייל עוו. און פרימאן סט.

דינסטאג אבענד, דעם 20טען יאנ. לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם, פון רושארדזש סאועל.

פרייטאג אבענד דעם 23טען יאנ., לעקטשור איבער מוזיק; א לעקטשור און קאנצערט, פון הערמאן עפשטיין.

שבת 2 אוהר ביי טאג, דעם 24טען, לעקטשור איבער געזונד, פון דר. גריעל.

צווייטער בראנקסער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוו. און קלערמאנט פארקוויי.

מאנטאג אבענד דעם 19טען יאנ., לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם, פון דזשארדזש סאול.

שבת 2 אוהר ביי טאג, דעם 24טען, לעקטשור איבער געזונד, פון מרס. ק. פארבער.

דעם זעלבען אבענד וועט אויך געגע־בען ווערען א קלאס אין גימנאסטיקס, אונטער'ן אויפזיכט פון מיס בערנסאן.

פרייטאג אבענד דעם 23טען יאנ., לעקטשור איבער ליטעראטור.

הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סט., צווישען מעדיסאן און 5טע עוו.

דינסטאג אבענד, דעם 20טען יאנ. א לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם און די ארבייטער באוועגונג.

דאנערשטאג אבענד דעם 22טען יאנ. לעקטשור איבער געזונד, פון מרס. רעמיע.

פרייטאג אבענד דעם 23טען יאנ., לעקטשור איבער געזונד.

בראנזוויל יוניטי סענטער, פאבליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עוו.

מיטוואך אבענד דעם 21טען יאנואר, לעקטשור איבער געזונד, פון דר. סאראה גרינבערג.

דאנערשטאג אבענד דעם 22טען יאנ. לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם, פון מיס מארגארעט דעניעלס.

פרייטאג אבענד דעם 23טען יאנואר, לעקטשור איבער ליטעראטור, בערנארד שאו'ס „מען און סופער מען“, פון מיסס עלען א. קענאן.

דאנערשטאג אבענד דעם 22טען יאנ. קלאס אין גימנאסטיקס און אונטערהאל־טונגען, אונטער'ן אויפזיכט פון מיס רוטה קאהען.

וויסט מאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 320 א. 20טע סטריט.

דינסטאג אבענד דעם 20טען יאנ., לעקטשור איבער טרייד יוניאניזם, פון מיס מארגארעט דעניעלס.

מיטוואך אבענד דעם 21טען יאנ., קלאס אין אריטמעטיקס. מר. פרידמאן, לעהרער.

פרייטאג אווענד דעם 23טען יאנואר, לעקטשור איבער מוזיק — לעקטשור און קאנצערט, פון מיס מיריאם בויער.

דאנערשטאג אבענד דעם 22טען יאנ. גימנאסטיקס און אונטערהאלטונג, אונ־טער'ן אויפזיכט פון לוסי רעטינג.

ענגלישע קלאסען ווערען געגעבען אין אלע דיזע סענטערס, מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אבענד.

* * *

ארבייטער אוניווערזיטעט, וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פליים און 16טע סט.

דיזען שבת, 16 יאנ.

2 אוהר נאכמיטאג, א קורס וועגען די טענדענצען אין דער מאדערנער ליטערא־טור, פון ב. דזש. ר. סטאלפער.

אום 3 אוהר נאכמיטאג — עקאנא־מיקס פון'ם אינדוסטריעלען סיסטעם, פון פראפעסאר לעאן ארדזרוני.

זונטאג, 17 יאנואר

10 א זייגער אין דער פריה, א קלאס אין פראקטישער פסיכאלאגיע, פון דר. סעמועל א. טעננבוים.

אום 11 אין דער פריה, רעדנער שולע, — אויסבעסערונג פון שפראך א. ז. וו. — נוסטאוו .סשולטץ.

דאנערשטאג אבענד, 22טען יאנואר.

א קלאס וועגען ארבייט און מענעדזש־מענט פון פראפעסאר ליא וואלמאן.

* * *

א ווארט וועגען דעם וויסטמאכער יוניטי סענטער.

באזונדערס אינטערעסאנט, אמוזאנט און באלעהרענד זיינען די לעקטשורס אין דעם וויסט מאכער יוניטי סענטער, אי־בער מוזיק, פון מיס מאריאן בויער, יע־דען פרייטאג אווענד. דיזע לעקטשורס זיי־נען גוטע קאנצערטען אן און פאר זיך, און פארשאפען א היכען גייסטיגען גענוס צו אלע באזוכער.

דורך אן אפשטימונג פון די באזוכער פון'ם קלאס, וועט מיס בויער לעקטשורען דעם פרייטאג אבענד איבער „פאלקס לי־דער פון אלע נאציאנען“. מיס בויער וועט זיך באזונדערס אפשטעלען אויף די רו־סישע פאלקס לידער. זי וועט ברענגען מיט זיך א פיאניסט וואס וועט די אלע לידער שפיעלען און זי וועט זיי אנאלי־זירען און ערקלערען. ווער עס וויל הא־בען אן אמת'ע „גוד טיים“ זאל ניט פאר־פעהלען צו קומען צו דעם לעקטשור, דעם פרייטאג אבענד, אין פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סטרים.

אין אלגעמיין ווערען די קלאסען פון דעם סענטער גוט באזוכט און דער עולם לערנט מיט גרויס חשק.

מרס. לוסי רעטינג, די דירעקטארין פון דעם סענטער, האלט איצט ארגאניזי־רען א קלאס פון מאנדאלין שפיעלער, און אויך א קלאס צו לערנען זיך שווימען. אלע די וואס ווילען זיך אנשליסען זיינען געבעטען צו געבען זייערע נעמען און אדרעסען.

די ערעפענונגס פייערונג פון דעם צוויי־טען בראנקס יוניטי סענטער אין פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוו. און קלערמאנט פארקוויי, וועט פארקומען פרייטאג אב. דעם 23טען יאנואר. עס וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט און אונזערע מיטגלידער זיינען געבעטען צו קומען מיט זייערע פאמיליען און פארברענגען אן אנ־גענעמען אווענד.

* * *

די סטודענטען פון בראנזווילער יוני־טי סענטער, פאבליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עוו., וועלען האבען א געזעל־שאפטליכען אונטערהאלט מיט טענץ שבת אבענד דעם 24טען יאנואר. די אינטער־נעשאנאל מיטגלידער זיינען געלאדען צו קומען מיט זייערע פאמיליען.

* * *

די ערעפנונג פון דעם הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סט. צווישען מעדיסאן און 5טע עוו. וועט פאר־קומען שבת אבענד, דעם 31טען יאנ. גו־טע רעדנער וועלען רעדען און עס וועט אויך דורכגעפיהרט ווערען א שעהנער, מוזיקאלישער פראגראם. די מיטגלידער מיט זייערע פאמיליען זיינען געלאדען.

אינטערנײשאנאל ארגאניזאציאנס קאמפיין אין באלטימאר

עס איז שוין זייט איינינע וואכען ווי אונזער אינטערנײשאנאל האט אנגעפאנ־גען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין באלטימאר, כדי צו ארגאניזירען די ארביי־טער וואס זיינען דארט באשעפטיגט אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע. דאס ארבייט איז אפויינטעט געווארען ברודער א. סניידער, אונזער אינטערנע־שאנאל ארגאנייזער.

ווי ברודער סניידער גיט אונז איבער, זיינען דארט באשעפטיגט אין דער „קא־טען גארמענט אינדוסטריע“, ביי ווייס־טען, דרעסעס, טשילדרענס דרעסעס, מי־די בלוזעס און ווייט גודס, ארום 10 טוי־זענד ארבייטער, און די מעהרסטע פון זיי זיינען פרויען, דאס רוב קריסטליכע. צווישען זיי איז אויך דא א גרויסער פראצענט שווארצע מיידלעך, וועלכע דריי־גען אלץ מעהר אריין אין דער אינדוסטריע.

צו ארגאניזירען קריסטליכע אמערי־קאנער מיידלאך, סיי ווייסע און סיי שווארצע, אין א יוניאן, איז א זעהר שווע־רע אויפגאבע. מאנכע פון זיי מיינען, אז עס שטעהט זיי נארניט אן צו באלאנגען צו אן ארבייטער ארגאניזאציאן, כאטש זיי פינסטערען אפ זייערע בעסטע יאהרען פון לעבען אין די שעפער! עס פאדערט זיך א סך אויפקלערונג צו מאכען זיי דענקען, צו געבען זיי צו פארשטעהן אז גראדע דער־פאר וואס זיי האבען אין זיך אט דעם פוס־טען שטאלץ, ווערען זיי פון די מאנופעק־טשורער שרעקליך עקספלואטירט; אז גראדע דערפאר מוזען זיי ארבייטען אונ־טער א סך ערגערע באדינגונגען, און אז נאר אין דער יוניאן ליגט זייער הילף. און אט דיזע אויפקלערונגס־ארבייט ווערט איצט געטאן פון אונזער אינטערנײשאנאל אין באלטימאר. ברודער א. סניידער איז געשיקט געווארען אנצופיהרען דעם קאמ־פיין. ער איז שוין זייט איינינע וואכען אין באלטימאר און די ארבייט איז שוין אין פולען גאנג. ער פיהרט דארט אן דעם קאמפיין דורך מיטינגען, דורך געדרוקטע צירקולארס און דורך דער לאקאלער פרע־סע. באזונדערס מאכט די באוועגונג פארטשריט צווישען די שווארצע מיידלאך, וועלכע זיינען דער מעהר אונטערדריקטער עלעמענט. עס זיינען דא אויסזיכטען דאס עס זאל קירצליך געגרינדעט ווערען א בא־זונדער לאקאל פון זיי. זיי זיינען דא אין די טריידס אין א גענוגענדער צאהל צו האבען אן אייגענעם שטארקען לאקאל. מאנכע פון זיי זיינען איינפאך באגייס־טערט פאר דער אידעע פון האבען א יוניאן און זיי פארשפרעכען צו ארבייטען דער־פאר מיט אלע מעגליכקייטען.

אין באלטימאר איז שוין אמאל געווען א יוניאן אין דיזע טריידס, דאס איז גע־ווען לאקאל 72. אבער פאר די לעצטע פאר יאהר האט דער לאקאל פאקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירען. איצט אבער איז דער לאקאל 72 ווידער אויפגעלעבט גע־ווארען און די ארבייטער ווערען ארגאני־זירט אונטער דעם טשארטער פון דעם לא־קאל.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס די אנדערע יוניאנס פון יענער שטאדט, אונ־זער אייגענע קלאוקמאכער יוניאן אריינגע־רעכענט, זיינען אין פולער סימפאטיע מיט דעם ארגאניזאציאנס־קאמפיין. אויך די צענטראלע קערפערשאפט דארטען, די „פעדערייששאן אוו לייבאר“ העלפט מיט אין דער ארבייט. מען קען דעריבער הא־פען אז די ארבייט וועט ענדליך געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

די וואך איז ברודער סניידער אין ניו יארק. ער איז גערופען געווארען אהער פאר איינינע טעג, צו העלפען דא אין דעם ארגאניזאציאנס־קאמפיין פון די פעטי־קאוט מאכער, וועלכע שטעהען אויפ'ן שוועל פון א גענעראל סטרייק. ער וועט אבער באלד צוריקפאהרען אין באלטימאר פארטזעצען די ארבייט וואס ער האט דארט אנגעפאנגען. דער פעלד פאר אר־בייט איז דארט א גרויסער, מען דארף נאך דארט ארבייטען און ארבייטען ביז א מעכ־טיגע יוניאן וועט דאך אויסגעבויט ווע־רען.

א סטעף רעפארטער.

קלאוקמאכער פון סינסינעטי באקומען א העכערונג אין שכירות

אין א צושריפט, וואס מיר האבען ערהאלטען פון דזשאינט באארד פון סינסינעטי, ווערט געמעלדעט ווי פאלגט:

נאך א וואך צייט פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורער, איז אונז געלונגען צו באקומען א העכערונג אין שכירות פאר אלע ארבייטער פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע אין סינסינעטי.

די קאטערס און די טרימערס האבען באקומען א העכערונג פון 7 דאלאר א וואך. דער מינימום סקייל פאר די קא־טערס וועט איצט זיין 40 דאלאר און פון די טרימערס 35 דאלאר. אלע ארביי־טער וואס נייהען מיט'ן האנד האבען באקומען א העכערונג פון 3 דאלאר א וואך איבער די שכירות וואס זיי האבען בא־קומען דעם פאריגען יאהר. די סעמפעל מאכער האבען באקומען א העכערונג פון 4 דאלאר א וואך. זייער סקייל וועט איצט זיין 44 דאלאר.

אלע שטיק ארבייטער האבען באקומען א העכערונג פון 20 פראצענט, מיט דער פארשטענדיגונג, אז דאס איז אבסאלוט דער לעצטער סיזאן פון שטיק ארבייט אין אירגענד וועלכען ברענטש פון דעם טרייד. דאס מיינט, אז צו נעקסטען סי־זאן וועלען אלע ארבייטער אין דער טרייד ארבייטען פון וואך.

צום באדויערען זיינען נאך דא אין סינסינעטי, איינינע ניט ארגאניזירטע שעפער. מיר האבען איצט פארמירט אן ארגאניזיישאן קאמיטע דיזע שעפער צו ארגאניזירען. די הויפט שוועריגקייט אין די שעפער האבען מיר מיט די קאטערס. א ספעציעלע קאמיטע פון דער קאטערס יוניאן העלפט אונז אין דער ארבייט, זיי העלפען אונז אויפקלערען די קאטערס פון די ניט־יוניאן שעפער אז זייער פלאץ איז אין דער יוניאן, אום אויפצוהאלטען די צושטענדע וואס מיר האבען באקומען און נאך קריגען בעסערע.

ווי איהר זעהט, זיינען נאך אלץ דא ארבייטער פאר וועלכע מען דארף נאך אגיטירען זיי זאלען באלאנגען צו א יוניאן.

צום שלוס ווילען מיר, אין נאמען פון אלע אונזערע מיטגליעדער, באדאנקען וויס פרעזידענט לעפקאוויטש, וועלכער איז דא געווען מיט אונז, און האט אונז געהאלפען קומען צו דעם סעטעלמענט מיט די בעלי בתים.

דער דזשאינט באארד פון דער לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן פון סינסינעטי.